ב"ה

# אין ליכט פון תורה

## די געשיכטע פון די יודען אין פוילען

אידיש

128

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"א לפ"ק

## די געשיכטע

פון

# די יודען אין פוילען

### מיט איינינע הונדערט יאהר צוריק ביז איצטיגע צייטען

איבערזעצט דורך נב"ד.

אין יאהר פינף טויזענט דרייא הונדערט פינף אונ פערציג צייט דיא וועלט איז בעשאפען . האט געקיניגט אין פוילין דער קייסר זיגמונד אין יאהר (שנ"ב האט ער גענומען פיר איין פרויא דעם קייסר רודולפ'ס איין ברודערין טאכטער מיט איהר נאמען אננא . איהר פאטער איז גיוועזען דער הערצוג קארלוס , פערדינאנד'ס איין זוהן . ער איז גיוועזין זייער איין גוטער מענטש אויך איז ער גיוועזין א גרויסער ליב האבער פון דיא יודען אויך אין זיינע צייטען האט זיך גישטארקט דאס גלויבען פון דעם אפפיור אין פוילין . ווייל אונ דיא פאריגע יאהרין זענען גיוועזען דיא אלע גרויסע לייט , פון דעם גלויבען פון דיא יונים . ביז דער קייסר זיגמונד האט גרויס גימאכט אונ אויף גידרי'קען דיא אלע גרויסע לייט וואס גלויבען אונ דעם אפיפיור . אונ ער האט אראפ גיבויגען דיא עלצטע וואס האבין נישט גיהאלטען זיך אונ דעם גלובין פון אפיפיור . אזויא ווייט אז דיא אלע הערשער'ס פון דיא יונים האבין פאר לאזט זייער גלובין אונ זייא האבין אהן גענומען דאס גלויבין פון אפיפיור . דיא יונים זענען גיווארין אלע מאהל שוואכער זייא זענען גיווארען קנעכט צוא דעם פאלק פון פוילין . נאר דיא שטארקע לייט וואס זענען גיוועזען צווישען זייא האט דער קייסר זייא גענומען צוא זיך פאר קריגס מיליטעהר , דרייסיג טויזענט מאן , זייא האבין זיך גערופען דיא קאזאקען . זייא זענען גיוועזען פרייא פון אלע צינזען . נאר זייער אמט איז גיוועזען שטענדיג אב צו היטען דיא גרעניץ אונ רוסלאנד וועלכעס שליסט זיך מיט טאטאריי איבער דעם זענין זייא גיוועזען פרייא פון אללע צינזען . אויך האבען זייא גיהאט אללע פרייהייטען אזוי וויא אללע בירגער . אבער דאס רעשט פאלק פון דיא קאזאקען אויך דאס פאלק פון קליין רוסיא האבען דיא בירגער מיט זייא שווער גיארבייט , אויך האבען זייא געווארפען איין שווערין לאסט פון גרויסע צינזען . מענכע פון דיא בירגער האבען זייא געפייניגט מיט ביטערע פיין זייא זאלען איבער נעמען דאס גלויבין פון אפיפיור . זייא זענען גיוועזען אזוי ווייט אונטער-טעניג אז דאס געמיינסטע פאלק האט איבער זייא רעגירט :

## דיא גזירה פון נאלעווייקא .

אין יאהר (1602) דאס זיבעצטע יאהר פון קייסר זיגמונד , איז אויף גישטאנען איינער פון דיא עלצטע איבער דיא קאזאקען מיט דעם נאמין נאלעווייקא אין ער האט זיך גירעכינט פיר זיין פאלק דיא קאזאקען . ער האט אזוי געזאגט צו זייא , וויא לאנג נאך וועלען מיר שווייגען דעם פאלק פון פוילין , אין זייא האבען מורד גיוועזען

אין זייא , עס האט זיך צוא זייא צו זאמען געקליבען מענטשין אז דיא פוהל וויא זאמד אונ זייא האבען פאר נימען גאנץ נאנץ רוסלאנד ביז טשורנאוו . דער קייסר האט דאס דערהערט האט ער גישיקט צוא זייא צווייא עלצטע מיט זיין גאנץ מיליטער מיט זייא צוא פיהרען קריג , דאס מיליטער האט זייא בייא געקומען , אונ דעם עלצטען פון דיא קאזאקען האבען זייא געפאנגען לעבידיגערהייט אונ זייא האבען איהם גיבראכט פאר דעם קייסר אין דער רעזידענס שטאט ווארשא , אונ מען האט זיך מיט איהם אפ גירעכינט ווייל ער האט מורד גיוועזען במלכות , אין זיין פאלק האט מען נאך מעהר גיפייניגט וויא פריר . אויך דוא קאזאקען וואס האבען זייא געשטיצט האט מען שווער בעשטראפט אז עס זאל זיך נישט געפונען מעהר וויא 20 טויזענט דיא וואס זענען פרייא פון צינזען אונ דוא רעשט זאלען צאהלען צינזען , אונ פון דיזען טאג אהן איזט געווארען שטיל אונ לאנד . אונ יאהר 1632 איז דער קייסר זיגמונד געשטארבען נאך זיין קעניגען זעכם אונ פערציג יאהר . נאך איהם האט געקעניגט זיין זוהן וולאדיסלאוו 16 יאהר , ער האט גענומען איין פרויא דיא טאכטער פון קייסר מטייז זיא וואר אויך דוא שוועסטער פון קייסר ווערדינגס . אונ יאהר 1644 איז דוא קעניגין געשטארבען , דאס צווייטע יאהר האט ער חתונה געהאט מיט איין צווייטע פרויא דוא טאכטער פון פראנצויזישען קייסר . דער קייסר וולאדיסלאוו , איז גיוועזען זייער איין גוטער מענטש אויך האט ער ליב געהאט גערעכטיגקייט , דוא יודען פון זיין לאנד האט ער זייער גוט בעהאנדילט אין זיינע צייטען איז גיוועזען פרידען אונ לאנד :

# דיא גזירות פון פאוולוק .

וויא עס איז געוועזען דאס זיבעטע יאהר פון קעניגען דער קייסר וולאדיסלאוו אונ יאהר 1369 , האט זיך אויף געבאפט איין קאזאק זיין נאמען וואר פאוולאק , ער האט זיך גענומען אב צוא רעכינען פאר זיין פאלק דוא יונים . אונ ער האט מורד גיוועזען אונ קעניגרייך פון פוילין . עס האבען זיך צוא איהם צוא זאמען געקליבען פוהל ליידיגע אונ נידערטע גינגע מענטשען זייא זענען אריבער דעם שווארצען מעהר דארט האט זיך געפונען איין וואוסט לאנד איין גרוים , בייא יעדעם מאהל וואס זייא האבען מורד גיוועזען אין קייסר זענען זייא דארט אנטלאפען . ווייל אויסער דוא קאזאקען איז קיינמאהל נישט אהין געקומען קיין מענטש . דוא קאזאקען האבען אויך גיוואלט אומברענגען דוא יודען וואס האבען זיך דארט געפונען , אויך האבען זייא צווישען זיך איין גיטהיילט דאס לאנד פון פוילין . אונ דעם שענדליכען פארברעכער פאוולאק האבען זייא געקריינט פיר איין קייסר אונ ווארשא . אבער השי"ת האט זייערע געדאנקען פאר שטערט . פון דעסטען צוריק-וועגם ווען זייא זענען צוריק געקומען פון זייער ארט האבען זייא חרוב געמאכט עטליכע שוהלען אונ זייא האבען אומגיברענגט א ערך פון צווייא הונדערט יודען

אויך

אויך האבען זייא פערוואוסט פוהל קרוסטליכע גיבעט הייזער אונ זייערע גייסטליכע אומגיברענגט . ווייא דער קייסר וולאדיסלאוו האט זיך פון דעם ערוויסט האט ער צוא זייא געשיקט אויף קרוג זיינע צווייא גרעסטע גענערעלער איינער וואר מיט זיין נאמען קאניצפאלסקי . דער צווייטער האט געהייסען פאטאצקי מיט פוהל מיליטעהר פון פולין , מיט זייא איז אויך געוועזען דער שטארקער העלד מיט זיין נאמען לאשטש , דיא צווייא גענערעלער האבען מיט זייא געפיהרט איין שטרייט פון איין זייט אונ דער העלד לאשטש פון דער צווייטער זייט ער האט מיט זיך גענומען זעכס הונדערט מאן אונ ער האט זייא ארום גערינגעלט אונ ער איז צוא זייא גקומען דורך דוא וועלדער אונ זייא האבען דוא קאזאקען גענומען אונ דער מיט אריין אונ זייא האבען פון זייא פוהל גיהארגיט , זייער עלצטען דעם פאוולאק האבען זייא גיפאנגען לעבעדיג מיט זיינע אלע עלצטע אונ זייא האבען זייא אפ גיפיהרט געשמידט אונ קייטען קיין ווארשא , אונ זייא האבען געקריינט פאוולאק'ן , זייא האבען געלאזט מאכען פיר איהם איין אייזערנע שטוהל אונ זייא האבען איהם ארויף גיזעצט אויף דער שטוהל . אויך האבען זייא גימאכט איין אייזערנע קרוין אויף זיין קאפף אונ איין אייזערנע ריט האבען זייא איהם גיגעבען אונ דער האנד אריין . דוא אלע זאכען זענען גיוועזען פריר אוים געגליהט מען האט אונטער געלייגט נאך קוילען אונ דאס האט איהם גיברענט ביז ער איז אונ גאנצען פאר ברענט געווארען , אונ דוא רעשט זיינע מיט-העלפער האט מען אויך אומגיברענגט מיט שענדליכע פיין . ווייא דער קייסר האט גיזעהן אז נאכדעם אללעם זענען זייא נאך נישט אונטער טעניג האט ער זייא גיקויפט אז זייא זאלען דארפען צאהלען צינזען גלייך מיט דוא איבעריגע יונים , ער האט געמאכט איבער זייא עלצטע פון פוילין כדי זייא זאלען שוין נישט נאך אמאהל מורד זיין אבער דאס אלעם האט נישט גיווערקט אויף זייא . אצונד וועל ארוים שטעלען דוא ביטערע גזירות וואס חמיל האט אויף גיברענגט אונ רוסלאנד . ליטא . פוילין , אונ יאהר , ה'ח . ת"ט . ת"י . ת"יא . ת"יב | אונ יאהר ת"ח דאס זעכציטע יאהר פון קעניג וולאדיסלאוו איז גיוועזען איין קאזאק אונ דער שטאט טשאהרין מיט דעם נאמען חמיל אויף רוסיש . אויף פויליש חמילניצקי . ער איז גיוועזען א עלצטער איבער דוא קאזאקען אויך איז ער גיוועזען זייער רייך . אויך זייער קלוג אונ פערשטענדיג , אויך איין שטארקער העלד , ער האט גיוואונט אונ טשהרין וואס זיא האט גיהערט אונטער דעם שוץ פון פעלדמארשאל קאניצפאלסקי . דער הער האט נוט געקאנט דיזען חמיל אונ ער האט איהם שטארק מקנא גיוועזען מיט זיין רייכקייט שטענדיג האט ער גענארגט אויף דעם , ער פלעגט אלע מאהל צוא זאגען זיינע אופיצירין איך הזב גרוים פורכט עס זאל נישט ארוים קומען איין אומגליק אויף דעם קעניגרייך פון פוילין דורך דעם מענטשען , פוהל מאהל האט ער גיזוכט איין אויסרייד ער זאל אים דם לעבען נעמין ער האט אבער נישט גיפונן קיין גילעגינהייט , ווייל דער איז גיוועזען זייער קלוג , אונ ער האט דאס פאר שטאנען איז ער גיוועזען שטארק

פארזיכטיג , וויא עס איז גיקומען זיין צייט פון שטארבען האט ער צוא גערופען זיין זוהן אונ ער האט איהם איבער גינעבען פוהל זאכען פון מלחמה דען ער איז שוין אויך גיוועזין דעמאלס אופיציר , אויך האט ער איהם אהן גיזאגט אויף דעם חמיל, אזוי וויא דיר איז בעקאנט דער מענטש חמיל וויא ווייט ער איז גיפעהרליך פיר אונז אלזא זאלסט דוא זעהן צוא קענ־ין איין עצה וויא אזויא זאלסט איהם קענען אפ רוימען פון דער וועלט , נאכדעם וויא דעם יונגען אופיציר'ס פאטער איז גישטארבען האט ער גענומען פיר איין פרויא פון א גרויסען שטאנד : זאמאיסקעס אשוועסטער ער האט פיר איהר אויס גינעבען פוהל גאלד אונ זילבער פוהל מעהר לויט זיין פארמעגען , נאכדעם האט ער זיך בעשלאסען ער זאל אוועק מיט זיין פרויא אין דיא ערטער וואס זייא גיהערין צוא איהם אויף דער צווייטער זייט פון טייך ניפור ! דארט זענען אויך דא דיא קאזאקען כדי מען זאל איהם געבין געשאנקען צוא ליב זיין נייע פרויא , נאכדעם וועט ער גיין מיט דוא קאזאקען אונ זייא וועלען איבער־פאלען אויף דיא טאטערין וועלען זייא קריגען פוהל רויב , אזויא וויא זייער פיהרונג איז גיוועזען פון אייביג , ער האט אזויא גיטאהן ער האט אלעס צוא זאמען גענומען וואס ער האט געהאט אונ איז מיט זיין פרויא אוועק , אזויא וויא ער איז געקומען אונ דער שטאט טשאהרין האבען איהם דוא שטאט לייט זייער אורינטליך אויף גענומען אונ זייא האבען איהם גישענקט פוהל גישאנקען .

אין דער שטאט איז גיוועזען גיוועלטיגער א יוד מיט דעם נאמען זכריה סאבילענקי וואס ער האט אפ גערינגען דיא שטאט פון דעם שררה , אזויא וויא עס האט זיך געפיהרט אין רוסלאנד אז יודען זענען גיוועזען גרויסע לייט, וואס פון דעם האט גיוואקסען דיא ביטערע גזירה ווייל זייא האבען געהאט גרוים קנאה אויף דעם גרויסקייט פון דיא יודען , דער יונגער אופיציר האט גיפרעגט דעם יוד דוא ביסט דער הערשער פון שטאט ? זאג מיר ווער עס זענען דיא רייכסטע לייט פון דער שטאט , זיין מיינוג איז גיוועזין מיט דעם , ער זאל וויסען אויף נעמין צוא ווארפען איין לאסט מען זאל איהם געבין געלט , האט איהם דער יוד אויס גירעכינט אלע רייכע לייט אויך האט ער איהם גיזאגט פון דעם חמיל אז ער איז זייער רייך , ווי דער אופיציר האט דאס גיהערט האט ער גיזאגט מיין פאטער האט מיר אהן גיזאגט פאר זיין טויט איך זאל האבין אין זין דעם שלעכטען מענטש צו פארניכטען , פון וואנין איז צו אים דען געקומען דאס גאנצע רייכקייט ? געוויס האט ער דאס אלעס גירויבט פון מיינע מענטשען גיהער דאס אלעס צוא מיר , אין דער אופיציר האט צוא גירויבט פון חמיל'ן א גאנצע שטאל זייער פוהל , מיט בהמות דער חמיל האט זיך גימאכט שווייגען דער אופיציר זאל גישט זיין פארזיכטיג , אויך וועד קען איהם דען עפים זאגען אונ זיינע שטעט האט ער צוא שאפען אזויא וויא א קייסר , נאר חמיל איז גיגאנגען נעמען רייכע פון זיין הער , ער האט צוא וויסען געטאהן דורך א בריף צוא דיא טאטערין , איהר זאלט זיין שטארק פארזיכטיג פון אונזער הער , דען ער קומט מיט זיין גאנץ מיטעהר אייך צו

רויבען

בעטריבען, די טאטערין זענען געזעסען אונ זייער לאנד גאנץ רוהיג זיא האבען גישט געוויסט פון קיין מלחמה. אזויא וויא זיא האבען דאס גיהערט האבען זיא זיך אללע צוזאמען גענומען, אונ זיא זענען אידם א קייגען געגאנגען מיט גיוועהר. וויא דער דוכּום האט גיזעהן אז זיא האבין זיך בעוויסט פון דעם אונ זיין מיליטער איז געוועזען גאנץ ווייניג קעגין דיא טאטערין איז ער מיט זיינע מענטשען אנטלאפען מיט גרויס שאנד אונ ער איז נישט גיוואהר גיווארען דורך וועמין דאס איז עס גישעהן:

איין מאהל זענען גיזעסען דיא קאזאקען, חמיל מיט זיינע גוטע פריינד אונ זיא האבען געטרונקען צוזאמען ביא דעם יוד דער עלצטער פון שטאט אונ זיא האבען זיך אהן גישיכּורט, האט חמיל ערצייל זיינע גוטע פריינד! איך האב מיך נוקם געוועזען אין מיין הער ווייל ער האט מיר אוועק גערויבט מיין פאר־מעגין, אונ ער האט זיא ערצייל דיא געשיכטע וויא אזוי ער האט אונטער געשריבען דעם בריף, דער יוד איז גיזעסין ביא דעם צווייטען טיש, אונ ער האט אללעס אויס גיהערט, האט ער באלד גיגעבין א־ידיעה דעם דוכּום! האט ער גיגעבין איין בעפעל מען זאל חמיל'ן שמידטען אין אייזערנע קייטען, אונ איהם זעצין אין אוסטרוג ער זאל דארט אומקומען, אין דער שטאט איז גיוועזין נאך איין יוד וואס ער איז גיוועזען חמיל'ס א פריינד מיט דעם נאמען יעקב סאביליענקי ער האט געגעבען חמיל'ן איין עצה אז זיינע פריינד זאלען איהם ארויס נעמען אויף זייער ערבות פון אוסטרוג, חמיל איז געגאנגען אונ האט גיוויינט אונ גיבעטין פאר דעם דוכּום ער זאל איהם שענקען דאס לעבין דען דער יוד האט איהם גימאכט איין פאלש בלבול, זיינע פריינד האבין אויך דאס זעלבע געזאגט אז עס איז וואהר אזוי וויא חמיל זאגט, האט איהם דער דוכּום בעפרייעט דאס מאהל, נאכדעם האט דער דוכּום נאך אמאהל נאך געפארשט דיא זאך האט ער זיך בעוויסט אז דער יוד האט געזאגט אמת, האט מען איהם דאס צווייטע מאהל גיזעצט אין אוסטרוג, אונ דער דוכּום איז ארויס פון דער שטאט מיט זיין פרויא אונ דוא מוטער צוריק אין זיין שטאט אריין:

דער דוכּום האט גיגעבין א בעפעהל זיין עלצטען מען זאל חמיל'ן אראפ נעמין דעם קאפ אויב נישט איז דער עלצטער פאר אנטווארטליך מיט זיין קאפ! וויא דיא גוטע פריינד זענין געקומען צוא איהם אין אוסטרוג זעהן זיך מיט איהם, האט ער זיא גיפרעגט! גוטע ברודער וואס שווייגט איהר? זעהט וויא דאס פאלק פון פוילין שטארקין זיך איבער אונז פון טאג צוא טאג אונ זיא ארבייטען מיט אונז אזוי וויא מיט אייזלען! נאך ווייניג וואס זיא אליין ארבייטען מיט אונז נאר זיא גיבען אונז נאך איבער אין דיא הענד פון דעם נידערטרעכטיגסטען פאלק ניא זאלען הערשין איבער אונז, היינט טוהן זיא אונז דאס שפעטער וועלין זיא אייך נאך ערגער טאהן זיא וועלען אקערין מיט אונזערע מענטשין אזוי וויא מיט אוקסען, אויב איהר ווילט אויס הערין מיינע רייד? גייט צוא דעם עלצטען ער

זאל

זאל מיך ארויס לאזען אויף אייער פער-אנטווארטליכקייט, ביא נאכט וועלין מיר אנטלויפען אויף דער צווייטער זייט ים דארט וועלען מיר זיך פערזאמלען אונ קלערין א עצה וואס מיר זאלען טוהן מיט פוילין! זייא האבען אזוי גיטאהן אללע זיינע גוטע פריינד זענען געגאנגען צוא דעם עלצטען, אונ ער האט ארויס גיגעבין חמילין אויף זייער ערבות ביא נאכט זענען זייא אללע אנטלאפען אויף דער פאר בארנגע שטעל, אונ זייא האבען צו-שיקט בריף אויף אלע ערטער וויא די יונים געפונען זיך זייא זאלען קומען צוא זייא, זייא האבין אזוי גיטאהן, די יונים האבען זיך צו זאמין געקליבען א ערך פון צוואנציג טויזינט מאן, וויא דער קיסר האט דאס גיהערט האט דאס ביא איהם אוים גיזעהן וויא א גילעכטער זייא האבען גיטראכט אז זייא וועלען פאלין אין זייערע הענד אריין וויא אלע מאהל, האט דער קיסר געשיקט צווייא יענעריאלער, איינער האט גיהייסין פאטאצקי, דער צווייטער האט גיהייסין קלינופאלסקי מיט זעכס טויזינט מאן שטארקע לייט, זייא האבען זיך אפ גישטעלט לעבין דעם פארט פון ים צוא פאר היטען אז די פאר ברעקער זאלען נישט קענען אריבער, די צייט איז געוועזען פאר פורים שנת (ת"ח), חמיל מיט זיין פאלק האבען זיך צוא זאמען גענומען אונ ער האט גיזאגט צוא זייא! איך איז בעוויסט אז דאס פאלק פון פוילין זענען שטארקער פון אונז ווער קען קעגין זייא ביא-שטיין? אלזא הערט מיך אוים וואס איך וועל מיט אייך ריידען מיר זאלען שליסען שלום מיט די טאטארען אונ מיר וועלען צוא זאמען פירען מלחמה מיט פוילען! זייא האבען גיענטפערט מיר וועלין אזוי טוהן, חמיל איז געגאנגען מיט זיינע אלע מענטשין צוא דעם קיסר פון די טאטערען אונ זייא האבען מיט איהם שלום געשלאסען אז זייא זאלען צוא זאמען פיהרען די קריג מיט פוילין, אזוי האבען זייא זיך איין גיטיילט מיט דעם רויב. די טאטערען זאלען זיך נעמען דאס רויב פון מענטשין מיט בהמות, אונ די קאזאקין זאלען נעמען גאלד אונ זילבער אונ נאך אנדערע זאכען:

אונ זייא זענען גיגאנגען צוא זאמען דורך די וויסטע וועלדער צוא דעם מיליטער פון פוילען, איין טאג פאר זייער קומען האבען זייא ארויס געשיקט שפיאנען אוים צוא זעהן אויב די פוילין האבען איין גרויסען קראפט, אויב זייא זענען שטארק אדער נישט?, די שפיאנען האבען גיזעהן אז די פוילין זענען גאנץ רוהיג, אונ זייא זיצען אויף א בארג זייא עסין אונ טרינקען אונ לאזען זיך וואול גיין, זייא זענען צוריק געקומען מיט א נאכריכט! מיר וועלין זייא קענען ביא קומען ווייל זייא זיצין גאנץ רוהיג, אונ זייא היטען זיך נישט פאר אונז:

זייא האבען געשיקט די שפיאנען אז זייא זאלען אוים גראבין גריבער אויף דוא ערטער וואס פוילין וועט וועלען אנטלויפען. אונ דריטטען טאג זענען געקומען דוא טאטערען מיט דוא יונים פון צווייא זייטען, וויא דוא פוילין האבען גיזעהן אז זייא שטייען שלעכט דען דוא טאטערען זענען אויך מיט געקומען, אונ זייא זענען ווייניג מענטשען. אונ דוא טאטערען מיט דוא יונים

זענען

זענען געוועזען זעבציג-טויזענד מאן! זייא האבען געוואלט אנטלויפען צווישען דוא געבערג זענען זייא אריין געפאלען אונ דוא גריבער אונ מען האט זייא אלע ארומגערינגעלט אונ פאר נימען, דוא עלצטע פון פוילען האבען זייא געבעטען מען זאל זייא שענקען דאס לעבען האבען דוא טאטערען זייא דאס צוא ליב געטאהן אינ האבען זייא געפאנגען לעבעדיגערהייט, דוא צווייא גרעסטע גענעראלער האבען זייא געשמידט אונ קייטען, פוהל עלצטע פון פוילען האבען געזעהן אז חמיל גליקט אונ אללע זאכען האבען זייא אויך מורד געוועזען אונ פוילען אונ זייא האבען כורת ברית געוועזען מיט חמיל'ן זייא האבען איהם צוא געשווארען זייא זאלען איהם דינען געטרייא אזויא וויא זייא האבען פריר געדינט צוא פוילען צווישען זייא איז אויך געוועזען איין עלצטער אופיציר וואס ער איז פריר געוועזען בייא דעם שר וואס דער שר האט איהם געהייסען ער זאל חמיל'ן אראפ נעמען דעם קאפף האט איהם חמיל געמאכט פאר איין עלצטען אופיציר בייא זיין פאלק. אויך דער אטריוטאנד פון פעלדמארשאל קאניצפאלסקי איז געווארען אצונד אטריוטאנד בייא חמיל'ן דער איז געוועזען זייער איין קליגער מאן ער האט געוויסט אלע פאר בארגענע זאכען פון פוילין האט ער דאס אלעס איבער געגעבען חמיל'ן אונ דער האנד אריין, אונ דער זעלבער צייט איז זייא אהן געקומען דוא בשורה אז דער קייסר וולאדיסלאוו איז געשטארבען זענען דאס פאלק פון פוילין געבליבען אזוי וויא שאף אהן א פאסטוך!

וויא דוא אלע גרויסע לייט האבען געהערט אז זייער קייסר איז געשטארבען. אויך אלע פולישע אופיצירען זענען געפאנגען געווארען זענען זייא געווארען שטארק ערשראקען, אויך דוא הערצער פון דוא יודען זענען אויף געגאנגען פאר שרעק זענען דוא אללע גרויסע לייט אנטלויפען קיין פולנאה, בייא דעם ראש איז אויך געוועזען דער דוכוס וויישנעוועצקי מיט זיין מיליטער בייא דעם טייך גיפור, ער איז געוועזען איין ליב האבער פון יודען אויך איין שטארקער העלד וואס זיין גלייכען איז נישט געוועזען דער צווייטער אויף דער וועלט ער מיט זיין פאלק זענען אנטלויפען דורך דוא ליטא איך מיט איהם זענען אנטלויפען א ערך פון פינף הונדערט בעלי בתים מיט זייערע ווייבער אין קינדער, ער האט זייא געטראגען אזוי וויא מען טראגט אויף פליגלען ביז ער האט זייא געברענגט אויף דעם ארט וויא זייא האבען פארלאנגט, אונ דוא יודען וואס זענען געוועזען אויף דער צווייטער זייט טייך גיפור זייא האבען דוא ביטערע נאכריכט געהערט אונ דעם ערשטען טאג שבועות האבען זייא אלעס איבער געלאזט אונ זייא זענען אנטלויפען מיט דעם לעבען, דער גאנצער געגענט פון דיא שטעט אוסטרא, שדה לבן, פאוולאוויטש, טשודנאוו, לוביוטוב, טהייל פון זייא זענען אנטלויפען קיין פולנאה, אונ טהייל קיין זארלאב, מענכע קיין קאנסטאנטין ווייל ערטער איז געוועזען שטארקע פעסטונגער, אונ דער גאנצע געגענט פון דער שטאט לבוב אויך דיא שטעט וואס זענען ארים איהר זענען אלע אנטלויפען קיין נעמערוב, ווער עס האט נישט געאיילט

צוא

צוא אנטלויפען איז געוועזען איין פערלוירעניר, פוהל מענטשען פון דער צווייטער זייט טייך ניפור וואס זענען געוועזען נאהענט פון דעם טייך זענען אומגעקומען אויף קדושת השם מיט אום-ערבארימדיגע פיין, מענכע האט מען אפ געצווינגען די הויט פון זייא, אונ זייער לייב האט מען געווארפען אויף דער גאס, מענכע האט מען אפ געשניטען די פינגער פון די הענד, אונ די פיס, אונ זייא האבען זייא געווארפע אויף די וועגען וויא בהמות גייען דורך, אונ זייא האבען זייא צו טרעטען מיט זייערע פיס, מענכע האבען זייא געשלאגען דאס חיות איז נאר איבער געבליבען אין זייא, מענכע האבען זייא לעבעדיגער הייט בעגראבען, זייא האבען גיקוילעט קליינע קינדער אונ דער שוים פון זייער מוטער, טראגידיקע פרויען האבען זייא אויף גישפאלטען די בייכער, אונ זייא האבען ארויס גישלעפט דאס קינד, אונ זייא האבען עס גיווארפען איהר אין פנים אריין, מענכע האבען זייא אויף געשניטען די בייכער, אונ זייא האבען אריין גילייגט אין בויך א לעבעדיגע קאץ, אונ זייא האבען צוריק צוא גענייט דעם בויך די פינגער פון זייערע הענד האבען זייא אפ געשניטען כדי זייא זאלען נישט קענין ארויס נעמען די קאץ פון בויך ארויס, טהייל קינדער האבען זייא גיבראטען אויף שפיזען אונ האבען זייא גיברענגט פאר זייערע מוטערס זייא זאלען עסין פון זייא, טהייל מאהל האבען זייא גענומען יודישע קינדער אונ האבען גימאכט פון זייא א בריק זייא זאלען קענין אריבער גיין, עס איז נישט פאראן איין שענדליכען טויט וואס זייא זאלען נישט געוועזען אהן טוהן, פוהל האבען די טאטערין געפאנגען, אונ פרויען געפייניגט אונ די מאנען אין די אויגען, די שיינע פרויען האבען זייא גענומען זיך פאר קייבס ווייבער אויך פאר דינסטען אזוי האבען זייא געטאהן אויף אלע ערטער וואס זייא זענען געקומען, דעם פוילישען פאלק האבען זייא אויך דאס זעלבע געטאהן אמעהרסטין די גייסטליכער, עס איז אומגעקומען בייא דעם טייך ניפור פוהל טויזענטער יודישע נפשות, פוהל הונדערטער נפשות, האבען זיך כופר געוועזען, ספרי תורות האבען זייא צוריסען אויף שטיקלעך, זייא האבען פון זייא גימאכט זעק אויף שיך אויף די פיס די רצועות פון תפלין האבען זייא ארום געוויקעלט זיך ארום די פיס די תפילין האבען זייא געווארפען אין אלע גאסין, ווער עס וואט דאס גיהערט האט זיך אפ געשאקילט:

וויא די מענטשין פון דער שטאט פארהאבישטש, זוואטוב, האבען דאס גיהערט וואס די קאזאקין האבען גיטאהן צוא אונזערע ברודער וואס זענען ארום דעם טייך ניפור, האבען זייא געזאגט אז מיר וועלין ווארטען ביז די קאזאקין וועלין צו אונז קומען וועלין זייא פון אונז מאכען א תל אזוי וויא זייא האבען גימאכט פון אונזערע ברודער, איז פוהל גלייבער, מיר זאלעך גיין צוא טאטערען זייא זאלען אונז נעמען, מיר קענען אונזערע ברודער פון קאנסטאנטין זייא זענין ערבארומהערציג וועלין זייא אונז אויס לייזען, אונ זייא האבען אזוי גיטאהן א ערך פון דרייא טויזענט מאן מיט זייערע ווייבער אונ קינדער עס איז געוועזען צווישען זייא א חזן ער האט גיהייסען

געהייסען ר׳ הירש בשעה זייא זענען געקומען צוא דיא טאטערין האט ער גימאכט אאל מלא רחמים מיט אקלאג ליעד אויף אהויך קול, אויף אונזערע ברודער וואס זענען אומגעקומען האט דאס גאנצע פאלק אהן געהויבען צוא יאמערין אונ צוא וויינען אז זייער געשרייא איז געגאנגען ביז צום הימיל, האבען זייערע פענגערס רחמנות געקריגין אויף זייא, אונ זייא האבען זייא גיטרייסט מיט גוטע רייד, אונ האבען צוא זייא גיזאגט איהר זאלט נישט זארגען עס וועט אייך נישט פעהלין קיין עסין אונ טרונקען, עס איז דא צווישען אייך שוחטים, נעמט אונ שעכט אייך שאף געניג מיר וועלען אייך אין קורצין פיהרען צוא אייערע ברודער פון קאנסטאנטין זייא וועלין אייך אויס לייזען, דיא טאטערין האבען אזוי גיטאהן, אונ דיא יודען פון קאנסטאנטין האבען אונז אויס געלייזט, אויך האט מען צוא זייא גיברענגט נאך געפאנגענע פון פוילין אערך פון צוואנציג טויזענט מאן, אונ דיא יודען פון קאנסטאנטין האבען גיגעבין געלט פאר זייא וויפיל מען האט פון זייא פאר לאנגט, אונ זייא האבען אויסער דעם זייער פוהל גוטס געטאהן מיט דיא געפאנגענע, אויך גאנץ טורקייא האט אזוי גיטאהן זייא האבען גיגעבין געלט אויס צו לייזען אלע געפאנגענע, דיא שטאט לייט פון ווינעציא, אויך דיא שטאט לייט פון רוים, אויך פון אנדערע שטעט פון אטליא האבען גיגעבין זייער פוהל געלט אויף פדיון שבויים אונ האבין עס געשיקט קיין קאנסטאנטין! דער אלמעכטיגער גאט זאל זייא בעצאהלין זייער גוטען לוין וואס זייא האבען געטאהן מיט אונזערע ברודער זייא זאלען בעהיט ווערין פון אלעס שלעכטס עד ביאת הגואל אמן:

נאכדעם זענען דיא טאטערין צוריק אהיים מיט דעם גרויסען רויב וואס זייא האבען געהאט, אונ דער מערדער חמיל איז געגאנגען מיט זיינע קאזאקען אויך פוהל טויזענטער טאטערען וואס זענען מיט איהם געבליבען, צוריק צוא זיין שטאט טשהארין מיט גרוים פרייד אין גיזאנג אונ אין שפילען! וויא ער איז געקומען נאהינט פון דער שטאט זענען דיא שטאט לייט איהם אקייגען גיגאנגען אונ זייא האבען איהם אהן געטאהן גרוים כבוד, אונ זייא האבען איהם גיקריינט פאר איין עלצטען איבער זיך אויף אייביג, זייא האבען איהם געזאגט דוא ביסט געוועזען אונזער ערלייזער וואס האכט אונז אוים געלייזט פון דעם פאלק „פוילין" וואס האבין אונז גיפייניגט מיט שווערע ארבייט:

וויא דער חמיל איז געזעסין אין דער היים האט ער געזאגט צוא זיינע מענטשין גיט עטוואס אעצה מיר זאלען נישט זיין צוא שאנד צווישען אונזערע פיינד, דען אלע קעניגרייכען וועלין הערין דאס שלעכטס וואס מיר האבען גיטאהן מיט דיא „פוילין" וועלין זייא קריגען מיט אונז מלחמה האלטען אונ מיר זענין ווייניג מענטשין, האבען זיינע מענטשין איהם גיגעבין אזוי אעצה! שרייב אוועק בריף צוא אלע גרויסע לייט פון פוילין אז דיא שליסט מיט זייא פריינדשאפט דוא זאלסט דיך גיהערט מאכען אויף דעם וואס דוא האסט גיטאהן וייל דוא ביזט גיצייט גיוועזען מציל צו זיין דיין לעבען, אז דוא וועסט אזוי טאהן וועלען זייא דערנוייל אזויא שנעל נישט

צוזאמען

צוזאמען נעמען זייערע מענטשען, איבער דער צייט וועסט דוא שרייבען א בריף צוא דעם קייסר פון דיא טאטערין ער זאל דיר שיקען פוהל מיליטער, אויך זאלסטו שרייבען אונ גאנצען קעניגרייך פון פוילין אז אללע יונים וואס געפונען זיך דארט זאלען זיך אללע צוזאמען נעמען אין זאלען זיין גרייט אויף דעם בעשטימטען טאג אונ זייא זאלין זיך רעכינען מיט דיא יודען אויך מיט פוילין אונ אויף ס'נ"ים זייא צוא בערויבען, ער האט אזוי געטאהן ער האט צוא שיקט בריף אין יעדער מדינה וואס דיא יונים געפונען זיך דארט דאס איז גימאכט גיווארען בסוד, אבער דיא יודען האבען זיך פון דעם ערנויסט דורך דיא יונים וואס האבען זיך פערהאלטען פריינדליך מיט דיא יודען, אויך דיא יודען האבען גיהאט איינינע שפאנען אין דער גאנצער מדינה וואס מען האט זייא אפ זיגעבען נאכריכט פון אללעם, זייא האבין גלייך געגעבען איין ידיעה צוא דיא עלצטע פון פוילין, אונ זייא האבען צושיקט בריף דורך שטיפעטען, פון איין שטאט צוא דער צווייטער צוא אללע יודען אויך צוא דיא עלצטע פון פוילין מיט איין נאכריכט וואס פאר א נייעס עס איז פאהר געקומען, איבער דעם האבען דיא עלצטע פון פוילין זייער ליב געהאט דיא יודען, אונ זייא האבען זיך געהאלטען צוא זאמען אזויא וויא ברודער דען השי"ת האט געשיקט דיא רפואה פאר דער מכה, ווען נישט דאס וואלט ח"ו נישט געוועזען איבער געבליבען פון דיא יודען א שריד ופליט! אויף יעדער ארט וויא עס איז אהן געקומען דער בעפעהל פון מערדער חמ"ל איז געוועזען גרויסע פרייד אויף דיא יונים, אבער דיא יודען אויך דיא פוילין זענען געוועזען זייער אומעהטיג אונ טרויהריג:

דער שונא האט ווידער געשיקט בריף צוא אלע דוכסים פון פוילין אז ער פארלאנגט מיט זייא שליסען שלום, אונ ער האט זייא איבער גירעט מיט גוטע אונ ווייכע רייד ער האט זייא גיטרייסט אז דאס אלעס וואס ער האט געטאהן שלעכט'ס ווייל ער איז געוועזען געצייט ער האט געוואלט זיך מיט זיינע ברודער אפ לייזען פון טויט, אויך האט ער זייא געשריבען אז אללע מעגין צוריק אויף זייערע ערטער זייא דארפען גאהר קיין פארכט נישט האבען ער וועט זייא צוריק געבען דיא ערטער וואס ער האט אוועק גענומען פון זייא, אבער דיא עלצטע האבען זיך גאהר נישט אום-געקוקט אויף זיינע בריף זייא האבען פארשטאנען אז דאס איז אללעס פאלטש דען אויף איין ארט האט ער געוואלט שליסען שלום אויף אנדערע ערטער האט ער ווייטער געטאהן זיינע גענדליכע מעשים ער האט ווייטער אום-גיברענגט פוהל יודען אונ קריסטען אונ ער האט פאר וואוסט זייערע ניבעט-הייזער אונ ער האט אוים געהרגית זייערע דוכסים דאס אלץ האט ער געטאהן נאך דעם פאנגען דיא מחנה פון פוילין, דורך דעם האבען זייא נישט געגלייבט צוא זיינע רייד, אונ זייא האבען געשיקט בריף צוא דעם ארצי-בוסקופ וואס ער איז גיוועסין אין גניזין, ער האט פאר טרעטין דיא שטעלל פון קייסר

אז

אז דער קיסר איז געשטארבען, אז פוילין קאן ניט זיין אהן א קיסר דען אהן א קיסר וועט איינער דעם צווייטען איינשלינגען לעבעדיגערהייט, אין דיזע צייטען איז גיוועזען דער קארדינאל פון גניזין, דער קיסר קאזימיר, האבען דיא גרעסטע לייט צוא איהם גישיקט ער זאל מאכען איין פעלד-מארשאל איבער זייא דאס קעניגרייך פון פוילין זאל ניט זיין אזויא וויא שאף אהן א פאסטוך. דער ארצי-בוסקופ האט באלד געשיקט צוא דעם דוכוס פון זאסלאב וולאדיסלאוו דאמיניק ער זאל ווערען פעלד-מארשאל איבער פוילין, אבער דער דוכוס האט גיברענגט נאך מעהר צרות אויף דיא יודען אויך אויף פוילין דען ער איז גיוועזען זייער רייך ער האט נאך קיינמאהל נישט גיפיהרט צוא גיין אין מלחמה אריין ווייל ער איז גיוועזען זייער איין ווייכער מענטש, דער קארדינאל האט איהם נאר גיקריינט איבער זיין רייכטהום, אויך האט דער קארדינאל גיגעבען א שטרענגען בעפעהל צוא אלע דוכסים אז אלע זאלען קומען מלחמה האלטען פון זייערע פיינד, אבער זייא האבען זיך לאנגזאם צוזאמען גענומען אזוי וויא עס פלעגט זיין דאס פיהרונג פון פוילין אז זייא זענען גיגאנגען מלחמה האלטען איז גיוועזען אלץ לאנגזאם, דיא יונגים אויך דיא מאטערין האבען זיך נישט אזוי גיפיהרט נאר ביא זייא איז אלעס גימאכט גיווארען שנעל:

# דיא גזירה פון שטאט נעמערוב.

וויא דער שלעכטער מענטש חמיל האט גיהערט אז פוהל יודען האבען זיך איין גיזאמעלט קיין נעמערוב, און זייא האבען מיט זיך פוהל געלד אין זילבער, אין דיא שטאט איז זייער רייך אין גרוים, האט חמיל אהין געשיקט איין עלצטען ער איז גיוועזען א יודען פיינד-האבער, ער האט מיט זיך גענומען זעכס הונדערט מאן אהן גילאדין פוהל מיט גיוועהר, אין ער האט געשריבען צוא דיא עלצטע פון שטאט זייא זאלען איהם בייהילפיג זיין, דיא עלצטע האבען איהם צוליב געטאהן מיט אלע זייערע קרעפטען נישט איבער זייער פריינדשאפט צוא דיא שונאים נאר ווייל זייא האבען פיינד גיהאט דיא יודען, אין צוואנציג טאג אין סיון זענען דיא קאזאקין גיקומען נאהנט פון שטאט נעמערוב, האבין דיא יודען דערזעהן פון ווייטינס וויא עס קומט אהן מיליטעהר, זייער הארץ האט אין זייא גישראקין נאר זייא האבען נישט געוויסט צוא דאס איז פוילין אדער קאזאקין, פון דעסט וועגען האבען זייא זיך אלע צוזאמען גענומען אויך זייערע ווייבער אין קינדער מיט זייער פאר-מעגין, אין זענען אריין אין פעסטונג אין זייא האבען אונטער זיך פארשלאסען דיא טהורען כדי זייא זאלען קענען מלחמה האלטען, דיא קאזאקען האבען זיך נאך גימאכט פענער אזויא וויא "פוילין" דען מיט קיין אנדערע זאך איז ניט גיוועזין צוא ערקענען צווישען פוילין אין קאזאקין אויסער דיא פענער, דיא שטאט-לייט האבען געוויסט פון דעם פאלשקייט, און זייא האבען אויך גערופען צוא דיא

יודעו

יודען פון פעסטונג ! עפינט אויף דיא טהורען פאר דעם פאלק פון פוילין וואס זענען געקומען אייך צוא העלפין פון אייערע פיינד אז זייא וועלען קומען אויף אייך , דיא יודען וואס זענען געשטאנען אויף דער מויהער האבען געזעהן אז דיא פענער זעהן אויס וויא פון פוילין האבען זייא גירעכינט אז דיא שטאט-לייט זאגען אמת האבען זייא באלד געעפינט דיא טויערין :

אזויא וויא דיא יודען האבען נאר געעפינט דיא טויערין זענען דיא קאזאקען אריין אין שטאט מיט דיא בלאנקע שווערדען , מענכע זענען געוועזין מיט שטעקענס אין זייא האבען פוהל אום-געברענגט פון דיא יודען , אויך זייערע פרויען האבען זייא געפייניגט . כהייל פרויען זענען אריין געשפרינגען אין טייך אריין זייא זאלין נישט ווערען פאראומרייניגט , אונ זייא זענען ערטרינקען געווארען , אויך פוהל יודען וואס האבען געקענט שווימען אין וואסער זענען אריין אין וואסער אונ זייא האבען געוואלט שווימען זייא האבען גירעכינט אז זייא וועלין ניצול ווערען פון דער הריגה , אבער דיא יונים זענען זייא נאך געשווימען , אין זייא האבען גיהארגיט זייא אונ וואסער , טהייל האבען נאך געשאסען נאך זייא אין וואסער אונ זייא אללע אויס גיהארגיט אז דאס וואסער איז געווארען רויט פון בלוט :

עס איז געוועזען אונ דער שטאט א ראש ישיבה ער האט געהייסען הגאון יחיאל מיכל דער זוהן פון גאון אליעזר וואס ער האט געקענט דיא גאנצע תורה אויסענווייניג , אויך איז ער געוועזען קלאהר אונ אללע חכמות אין דער וועלט , שבת פאר דער גזירה האט ער געזאגט א דרשה אין ער האט געווארינט אויב דער פיינד וועט קומען חלילה , זאלען זייא זיך אפ געבען אויף קידוש השם אונ זייא זאלען זיך נישט מופר זיין , דאס היילינע פאלק האט אזויא געטאהן ער אליין איז אויך געשפרינגען אונ וואסער אריין ער זאל זיך מציל זיין האט איהם געחאפט איין יון אונ ער האט איהם געוואלט אום-ברענגען האט איהם דער גאון גיבעטען ער זאל איהם לאזען לעבען וועט ער איהם געבען פוהל גאלד אין זילבער , דער יון האט איהם גיפאלגט אונ ער האט איהם אהיים געפיהרט וויא דאס גאלד אונ זילבער ליגט בעהאלטען אונ ער האט איהם גילאזט לעבען , איז דער גאון מיט זיין מוטער געגאנגען אונ א אנדער הויז אריין אין זייא האבען זיך דארט בעהאלטען ביז עס איז געווארען טאג , אויף דעם צווייטען טאג האבען דיא יונים געזוכט אונ דיא שטיבען אפשר האט זיך ווער בעהאלטען , איז דער גאון מיט זיין מוטער אנטלאפען אויף דעם בית החיים כדי טאמער וועט מען זייא דערהארגינען זאלען זייא בלייבען דארט ליגען וועלען זייא קומען צוא קבורה , וויא ער איז געקומען נים וויים פון בית החיים איז איהם נאך גילאפען איין יון פון דיא שטאט לייט ער איז גיוועזען א שיסטער מיט א שטעקען אונ דער האנד האט ער דעם גאון געשלאגען ביז צום טויט , זיין מוטער האט איהם גיבעטען ער זאל זיא אומברענגען איידער איהר זוהן ער האט

זיא

דיא נישט ניפאלגט נאר ער האט פֿריר אום-געברענגט דעם גאון דער נאך דיא ססער, דרייא טאג נאך דער הריגה האט איהם זיין ווייב געבראנגט צו קבורה דען [א]ויף אלע ערטער וויא דיא גזירות זענע געוועזען האבען זייא דיא פֿרויען געלאזט לעבען:

עס האט זיך פאר לאפען מיט איין בתולה זיא איז געוועזען זייער איין שיין [מ]ענש פֿון איין גרויסארטיגע משפחה אויך פֿון גרויסע עשירים וואס איין קאזאק האט זיא געפאנגען, אונ ער האט זיא גענומען פֿיר איין פֿרויא, פֿאר דער חתונה האט זיא געזאגט צוא איהם אז זיא קאן מאכען אזויא א סגולה אז אפילו מען וועט אין איהר שיסען וועט איהר אויך גאהר נישט שאטען, אפשר ווילסט נים גלייבען קענסט מאכען איין פריוו אין מיר, דער קאזאק האט גיגלייבט [א]ז זיא זאגט אמת, ער האט גענומען איין בוקס אונ ער האט אין איהר אריין געשאסען איז זיא באלד אנידער גיפאלין אין זיא איז אומגעקומען אויף קידוש השם דער קאזאק זאל זיא נישט מטמא זיין:

נאך איז געשעהן איין געשיכטע מיט א שיינע בתולה וואס א קאזאק האט זיא גענומען פֿיר א פֿרויא האט זיא פאר לאנגט פֿון איהם ער זאל איהר געבען קידושין אונ זייער גיבעט-הויז וואס עס שטייט אונטער דער בריק, ער האט איהר דאס צוליב געטאהן, אונ ער האט זיא גיפֿיהרט צו דער חופה אונ טייערע קליידער [א]ויך מיט שפילען אונ גיזאנג, אזויא וויא זיא איז געקומען אויף דער בריק [א]יז זיא אריין געשפרינגען אין וואסער אריין, אונ זיא איז ערטרינקען געווארען [א]ויף קידוש השם, אזויא איז געשעהן פֿיהל מעשיות אזעלכע! דיא צאהל פֿון [א]לע מענטשען וואס זענען אומגעקומען ארום נעמערוב איז געוועזען א ערך פֿון [ז]עכס טויזענט מענטשען:

# דיא גזירה פֿון דער שטאט טולטשין.

וויא זייא האבין שוין אפ געטאהן אלעס בייז אין נעמערוב, האבען זייא זיך צוא זאמען געקליבען א צעהן טויזענט מאן פֿון געמיינים פֿאלק אונ זייער עלצטער איז געוועזען דער פֿערדער קריוונאס אונ זייא זענען געגאנגען פֿון דארט קיין טולטשין, ווייל דארט אין פֿעסטונג איז געוועזען זעקס הונדערט מאן שטארקע העלדין פֿון דיא פוילין, אויך האבען זיך צוא זאמען גענומען א צוויא טויזענט יודען וועלכע זענען אויך געוועזין שטארקע העלדין האבען זייא געשלאסען איינס אז איינער זאל דעם צווייטען העלפֿין מלחמה האלטען מיט דעם שונא, זייא האבען צוא געשווארין איינער דעם צווייטען אז זייא זאלען נישט זיין פֿאלש אונ זייא האבין פֿאר פֿעסטיגט דאס פֿעסטונג, אונ דיא יודען זענען ארויף געגאנגען אויף דער מויער אהן גילאדין מיט גיוועהר, בייא יעדעס מאהל וואס דיא קאזאקען זענען גיקומין נעהנטער האבען דיא פֿון דער מויער אויף זייא גישאסין, אונ עס איז פֿון זייא פֿיהל געפאלין [אונ]

דיא

דיא זענען אנטלאפען, דיא יודען האבען זיך געשטארקט, אונ האבין זייא נאך געיאגט, אונ האבען פון זייא פיהל הונדערטער אוים גיהארגיט, דיא קאזאקין האבען זיך נאך אמאהל צוא זאמען געקליבען איין גרויס פאלק פון ארום דעם גאנצין געגינט, אונ זייא האבען צוא גישטעלט איינערנע מוגעס איבער צוא דרייען דיא מויער, וויא דיא וואס זענען גישטאנין אויף דער מויער האבען דאס גיזעהן זענען זייא אוים גיגאנגען פאר שרעק, פון דעסט וועגין האבען זייא ווייטער אראפ געשאסען פון דער מויער, אונ זייא האבען נישט דער לאזט צוא צוא קומען צוא דער מויער, אונ דיא קאזאקין זענען בייא דעם מאהל אויך אנטלאפען:

וויא דיא מלחמה האט גידויערט א לאנגע צייט האבען זיך דיא קאזאקין איבער לייגט אז זייא זאלין שליסען שלום מיט פוילין נאר מיט דעם בעדינג אז פוילין זאל ארויס געבין דאס גאנצע רייכטהום פון דיא יודען, אונ זייא האבין אזוי גיטאהן, אונ האבען איין געשיקט איין שלום בריף צוא דיא פוילין וואס זענין אין פעסטונג, באלד האבען זיך דיא פוילין אפ געשטימט אונ האבען גישיקט נאך דיא יודען איינציגווייס אונ זייא האבען בייא זייא צוא גענומען דאס גיווער, דיא יודען האבען באלד פאר שטאנין דעם שווינדיל וואס מען מאכט מיט זייא דיא יודען האבען גיוואלט צום ערשטין אום-ברענגין דיא פוילין, אונ ווערין זיך א-קייגין זייא, וייל זייא האבען גיבראכען דעם שלום וואס זייא האבען גיהאט אפ געמאכט צוא ערשטען, האט דער ראש ישיבה פון טולטשין געשריגען אויף איין קול, אונ ער האט צוא זייא אזויא גיזאגט, הערט מיך אויס מיינע ברודער מיר זענען אין גלות צווישען פעלקער וויא באלד איהר וועט עטוואס ארויס טרעטין א-קייגין דעם פאלק פון פוילין וועלין דיא קעניגרייכען פון פוילין זיך דאס ערוויסען וועלען זייא זיך אפ רעכינען מיט אלע אונזערע ברודער אין גלות, אויב דיא גזירה איז פון הימיל לאזען מיר אהן נעמען פאר ליב, מיר זענען נישט בעסער פון אונזערע ברודער פון נעמערוב! דער אלמעכטיגער גאט זאל געבען אז דיא שונאים זאלין רחמנות האבען איבער אונז אפשר וועלען זייא נאר צו נעמען אונזר פר-מעגין אונ דיא נפשות וועלן זייא לאזן לעבען, אלע יודען האבן עס גיפאלגט אונ זייא האבן גיברענגט אלץ וואס זייא האבן פארמאגט אין פעסטונג אריין, דיא קאזאקין זענין באלד אריין געקומען, האט צו זיי גיזאגט דער עלצטער פון דיא פוילין דער דוכוס טשווערטשינסקי! דא האט איהר אייער פרלאנג, אונ זייא האבן צו גענומן דאס גאנצע פאר-מעגין, דיא יונים האבן גיזאגט צו דעם דוכוס ער זאל אלע יודען זעצין אין תפוסה! זייער לעבן האט גיהאנגן אויף איין האר זיי האבן נישט געוויסט וואס עס וועט מיט זיי ווערין, דעם דריטען טאג האבן דיא קאזאקין ווייטער פרלאנגט מען זאל זיי ארויס געבין דיא יודען, באלד האבן דיא פוילין ארויס גישטוסין דיא יודען פון פעסטונג זענין דיא יודען ארויס גיגאנגין מיט א צובראכין הארץ אונ דיא קאזאקין האבן זיי אריין גינעצט אין א תפוסה וואס איז גיוועזן אין א גארטן אפ גישלאסן זיי זאלן נישט קענין אנטלויפין:

דיא

# דיא גזירות פון ליטא.

דיא מענטשען פון ליטא זענין אנטלאפען קיין ווילנא אונ קיין הוראדנא דארט זענין דיא שונאים נישט געקומען, אבער פוהל שטעט וויא עס האבין זיך צוא זאמין גענומין טויזענטער יודען זענין דיא שטעט חרוב געווארען אונ דיא יודען האבען זייא אום געברענגט. אין דער שטאט הומיל איז געהארגעט געווארין פוהל טויזענטער אויף קידוש השם, פון דארט זענין זייא געגאנגין קיין סטארידוב אונ זייא האבין אום געברענגט פוהל יודען, אויך אין שטאט צארניאוב אין שטאט באראהין, אין בלאדאווא האבין זיך פערזאמילט פוהל יודען אונ עס זענין אום-געקומען א ערך פון צעהן טויזענט נפשות, אונ אנדערע שטעט פון ליטא זענין געהארגעט געווארען פוהל צעהן טויזענטער יודען, דיא מענטשין פון סלוצק, פון פינצק, בריסק, דליטא, מענכע זענין אנטלאפין קיין גרויס פוילין מענכע קיין דאנציג מיט דעם וואסער פון ווייכסיל, אונ דיא ארימע לייט וואס זענין איבער געבליבען אין דיא שטעט זענין אום געקומען אויף קידוש השם אויך אונטער דער שטאט פינצק האבין דיא פיינד נאך געיאגט אויף דיא פעלדער פוהל הונדערטער וועגין מיט מענטשין וואס זייא זענען אנטלאפען אויס דער שטאט אונ זייא האבען זייא געחאפט אויף דעם וועג, אונ זייא האבין זייא אום-געברענגט, אבער אונ דיא יונים פון דער שטאט פינצק האבין זיך דיא פוילין אהן זייא נוקם געוועזין, וויא דער הערשער פון ליטא דער דוכוס ראדוויל האט געהערט אז דיא שטאט לייט פון פינצק האבען מורד געוועזין אונ זייא האבין אריין געלאזט דיא רויבערס אין שטאט אריין איז ער אליין אויך פוהל פאלק פון פוילין געגאנגין מיט איהם אונ זייא האבען באלעגערט דיא שטאט אונ זייא האבען אונטער געצינדין דיא שטאט פון אלע פיר זייטען, דיא רויבערס פון אינוויינינג האבען געוואלט אנטלויפין אויס דער שטאט אויף דעם וואסער זענין זייא אלע ערטרינקען געווארען אונ מענכע זענין פאר ברענט געווארין, ער האט זיך נוקם געוועזין פאר דיא יודען, אויך אין דער שטאט סלוצק האט מען זיך אהן זייא נוקם געוועזין, זייא האבין געשיקט צוא דיא רויבערס זייא זאלען קומען אין שטאט אריין עס געפונט זיך נאך פוהל יודען צווישען זייא ווילין זייא איבער געבין אין זייערע הענד, נאר עס איז שוין נישט געוועזין קיין יודען ווייל אללע האבין זיך שוין באהאלטין, דיא שונאים האבען נישט געגלייבט אז דיא שטאט לייט זאלען זיך שטעלען אקעגין זייא, אזוי וויא זייא זענען צוא געקומען צוא דער שטאט האבין דיא שטאט לייט אויף זייא געשאסין מיט בוקסען פון דער מויער אראפ אונ זייא האבען פון זייא פוהל אויס געהארגעט אונ האבען זייא נאך געיאגט ביז זייא האבען אללע אויס געהארגעט:

# דיא גזירה פון דער שטאט באר.

נאבדעם וויא דיא פוילין זענען אנטלאפען האבען דיא טאטערין אויף דיא קאזאקין געוויבט פון זייא דאס גאנצע געלד אונ זילבער אויך פוהל טייערע זאכין,

אונ

אונ חמיל איז גיגאנגין מיט זיין גאנץ פאלק אויף דיא טאטערין איין נעמין דיא שטארקע שטעט פון פוילין, אביסיל פון זיין פאלק האט ער גישיקט איין נעמען דיא שטאט באר ווייל דארט איז גיוועזין איין גרויס פערזאמלונג פון יודען אויך גרויסע לייט, וויא זייא זענען צוא געקומען נאהינט פון שטאט האבען דאס מיליטער וואס זענין גישטאנין אויף דער מויער אראפ גישאסין אויף דיא רויבערם זייא האבין א לאנגע צייט נישט גיקענט צוקומען צוא דער שטאט, וואס האבען אבער גיטאהן דיא יוגים וואס זענין גיוועזין אין שטאט זייא האבין אונטער גיגראבין ארום דער שטאט אונ דיא רויבערם זענין אריין געקומען אין שטאט אריין בייא נאכט, אונ זייא האבין אהן גיהויבין צוא הארגענען אין שטאט דיא יודען, אויך דיא גרויסע לייט זענען אנטלאפען אין פעסטונג אריין, צווישען זייא איז קיין יונים נישט גיוועזין, זייא האבען באלעגערט ארום דעם פעסטונג א לאנגע צייט ביז זייא האבין עס איין גענומען, אונ זייא האבין אוים גיהארגיט אללע יודען, אויך דיא אנדערע גרויסע לייט מיט איין שענדליכען טויט, אונ זייער פאר-מעגין האבען זייא צו גערויבט, דער צאהל פון דיא יודען וואס זענין אום-געקומען אין דער שטאט באר איז גיוועזין א ערך פון צוויא טויזנט מענטשין, דער מערדער חמיל איז גיגאנגין מיט זיינע מענטשין אויף דער שטאט קאנסטאנטין פין דארט קיין זאסלאוו אונ פון דארט קיין אוסטרא דיא שטעט זענין שוין גיוועזין לאנג פאר וואוסט פון דיא קאזאקין, אונ פון דארט איז ער ווייטער גיגאנגין קיין גרויס דובנא. דארט איז אויך גיוועזין איין שטארק פעסטונג וואס דאס צווייטע איז נישט גיוועזין אין גאנץ פוילין דאס האט גיהערט אונטער דעם דוכוס דומינין, וויא עס זענען אנטלאפין פון דארט אללע גרוייסע לייט, איז דארט נאר איבער גיבליבין עלליבע הונדערט יודען זייא האבין גירעכינט אז זייא וועלין אין דעם פעסטונג ניצול ווערין, וויא דיא רויבערם זענין צו געקומין נאהענט פון דער שטאט דובנא איז אריין גיגאנגין איין עלצטער פון דוכוס מיט אביציג מאן שטארקע לייט, אונ זייא האבין אפ גישלאסין דאס פעסטונג זייא האבין נישט גילאזט צוא קיין שום יוד אין פעסטונג אריין זענין אלע יודען גיהארגיט גיווארין ארום דעם פעסטונג, וויא חמיל איז אריין געקומען אין שטאט אריין האט ער זיך פאר-וואונדערט אויף דעם שטארקייט פון פעסטונג, אונ ער האט גיזאגט אז עס איז אונמיגליך דאס פעסטונג איין צו נעמין, דיא גרויסע לייט אויך דיא עלצטע וואס זענין אנטלאפען פון פעסטונג זענין נארנים ווייל זייא וואלטען זיך געוועזין גיקענט שיצען אין דעם פעסטונג,, אין דעם פעסטונג איז גילעגין איין גרויס רייכטהום פון דיא גרויסע לייט, אונ ער האט נישט גיוואלט באלעגערין דאס פעסטונג איבער זיין שטארקייט, פון דארט איז ער גיגאנגין מיט זיינע מענטשין קיין בראד וואס דאס האט גיהערט אונטער דעם דוכוס וואס חמיל איז גיוועזין זיין שונא ווייל ער האט איהם גיוואלט אומברענגין האט ער פאר וואוסט דיא אלע ערטער וואס גיהערין אונטער דעם דוכוס בפרט דיא שטאט בראד וואס זיא איז גיוועזין זיין רעזידענס שטאט האט ער זיא פאר וואוסט אונ פאר ברענט, אונ דיא אלע מענטשין פון שטאט זענין אנטלאפין אין פעסטונג אריין, דען עס איז גיוועזין זייער שטארק

איין

אין טאפעלע מויער אין וואסער ארום דער שטאט עס האט זיך דארט געפונען עטליכע טויזענט מענטשן, די פיינד האבין באלעגערט א לאנגע צייט ארום דעם פעסטונג, און זייא האבין עס נישט געקענט איין נעמען וייל מען האט צוא זייא אראפ געשאסען פון דער מויער, פון דעסטוועגין האבין זייא גיהאט גרויס שרעק וייל אינוויינג אין שטאט איז געוועזין איין מגפה ר״ל פון אויסנוויינג האבין זייא גיהאט דעם שונא, פון דער מגפה איז אומגעקומען א ערך פון טויזענט נפשות, אויך אויף אלע ערטער וואס די פיינד האבין באלעגערט איז גיוועזין אינוויינג א מגפה ר״ל:

# די גזירה פון דער הויפט שטאט לבוב.

נאכדעם איז חמיל גיגאנגין באלעגערין די שטאט לבוב זיא איז איינע פון די פיהר גרעסטע שטעט וואס געפונען זיך אין פוילין, און איהר האט זיך געפונען גרויסע לומדים ת״ח יראים ושלימים, וויא דער שונא איז אהין געקומען האבען זייא זיך באזעצט אין טאהל ארום דעם פעסטונג וואס עס איז גישטאנען אונטער דער שטאט, דאס מיליטער האט צוא זייא אראפ גישאסין פון פעסטונג איז פון זייא פוהל גיפאלין, די פוילין האבען אבער געמוזט פאר לאזען דאס פעסטונג וייל זייא האבען שוין נישט גיהאט קיין וואסער, און די פוילין זענין פון פעסטונג אין שטאט אריין, די שטאט לייט האבין אונטער געצינדען אלע הייזער וואס זענען ארום דער מויער און פייער כדי די שונאים זאלען זיך נישט קענען בעהאלטען, פון דעסט וועגען האבען די שונאים איינגענומען דאס פעסטונג און זייא האבען באלעגערט די שטאט פון אלע זייטען, די וואס זענען גיוועזין און שטאט האבען מורא גיהאט ארויס צוא גיין איבער די קוילען וואס זענען גיפלויגין פון דער הייך פון פעסטונג, אויך איז גיוועזען איין הונגער און שטאט עס איז אומגעקומען און שטאט פון הונגער און נויט מעהר וויא צעהן טויזענט מאן:

וויא עס איז פאר ביי געגאנגען א לאנגע צייט און זייא האבין נישט גיקענט איין נעמען די שטאט האבען זייא פאר שיט אללע וואסערין וואס זענען גיוועזין ארום דער שטאט וואס די גאנצע שטאט האט געטרינקען דאס וואסער, וויא זייא האבען נישט גיהאט קיין וואסער צום טרינקען האבען זייא אזוי גיזאגט! פאר וואס זאלען מיר אומקומען פאר הונגער אין דארשט מיר וועלין שיקען צוא אונזערע פיינד פאר מעגען אפשר וועט דאס אונז אפ לייזין פון טויט, די שטאט לייט האבין אזויא גיטאהן און האבין גישיקט צוא זייא שלוחים אז זייא זאלין זיך פאר גליכין מיט זייא, זייא וועלין געבען פוהל גאלד און זילבער נאר מען זאל זייא דאס לעבען שענקין די זאך איז דעם מערדער חמילין גיפאלען ער האט געזאגט צוא זיינע לייט! וואס וועלען מיר האבען פון דעם אז מיר וועלען זייא אום-ברענגין, עס איז גלייכער מיר זאלען צוא נעמען זייער פארמעגין, ער האט געשיקט איין אטריוטאנד גלאוויצקע ער איז גיוועזין איינער פון די גרויסע לייט פון

פוילין

פוילן וואס זייא האבין איהם צוא געשווארען זייא זאלען איהם זיין טרייא, אונ ער האט מורד גיוועזין אונ פוילין, מיט נאך פוהל עלצטע פון דיא קאזאקען אין שטאט אריין זייא זאלין זיך מיט זייא אוים שמיסען וועגען דעם שלום נאכדעם האבען זייא גישיקט צוא חמיל'ן אוים דער שטאט דיא גרעסטע לייט פון שטאט עס איז מיט זייא אויך גיוועזין ר' שמעון שתדלן, זייא האבען זיך אוים גיגלייכט אז זייא זאלען געבען 200000 רענדליך מען זאל זייא שענקין דאס לעבען, זייא האבען ניט גיהאט אזויא פוהל געלד האבען זייא גיגעבען גאלד אונ זילבער אויך אנדערע סחורות אזויא פוהל אז עס זאל אנטרעפין צוויא פוהל וויאפיל זייא דארפען צוא בעצאהלען, דיא שטאט לבוב איז גיווארין אוים גילעהרט אזויא וויא א טייך וואס מען פאנגט ארוים פון איהם דיא פיש, ווען נישט וואס השי"ת האט רחמנות גיהאט אויף דיא יודען אין ער האט גיגעבען דיא שונאים אונ זינען אז זייא זאלען שלום שליסען וואלט ח"ו נישט גיוועזין איבער געבליבען פון זייא קיין שריד ופליט :

פון דארט זענען דיא שונאים גיגאנגען אונ האבען באלעגערט דיא שטאט זאלקווע, זייא האבין גיוואלט צוא קומען צוא דער מויער זייא זאלען קענען צוא שטעלען לייטערם אויף דער מויער, האבין זייא אראפ גיגאסען פון דער מויער הייס וואסער, דוא רויבערס זענען אנטלאפען האט מען זייא נאך געשאסען זענען פוהל גיהארגיט גיווארין, דיא רויבערם האבין זיך איבער ליגט אז עס איז גלייבער פאר זייא אז זייא זאלען שיקען אונ שטאט אריין אז זייא זאלען זיך פארגלייבין אזויא וויא זייא האבען גימאכט אין לבוב, זייא האבען גישיקט צוא דיא שטאט לייט! זענט איהר דען בעסער פון דיא מענטשין פון לבוב? זייא האבען זיך מיט אונז פאר גלייכט, אויב איהר ווילט פאר גלייכט איהר אייך אויך מיט אונז, אויב איהר ווילט אייך ניט פאר גלייכין, וועלען מיר זיך אלע צונאמען נעמען אונ מיר וועלען קומען זיך רעכענין מיט אייך אזוי וויא מיר האבין גיטאהן אונ פערשידענע ערטער? דיא שטאט לייט איז דאס זייער גיפאלין וואס דיא רויבער ווילען זיך פארגלייכין, אונ זייא האבין גישיקט אוים דער שטאט איין נייסטליכען אויך איין עלצטען פון שטאט אויך איין יוד, אז זייא זאלין זיין דיא פארגלייכערם, דאס פאר גלייך איז גיוועזין אז זייא זאלין געבין 20000 רענדליך פון דער שטאט, בעזונדער זייער עלצטען גלאוויצקען 2000 רענדליך, נאכדעם זענין זייא אוועק פון דער שטאט נאר זייא האבין איבער גילאזט אונ שטאט פוהל קאזאקין אז זייא זאלען פארהיטען עס זאל נישט קומען אנדערע קאזאקין אונ שטאט אריין ראבירען! דיא שטארקע שטאט קאמיניץ פאדאלסק אויך דיא שטאט יאזלוויטץ דיא שטאט בוטשאטש האבין זיך אקיינין גישטעלט פוילין אויך דיא יודען, זייא האבין אויף זייא גישאסען מיט הארמאטין זייא האבין פוהל גיהארגיט פון דיא רויבערם, אונ זייא האבין נישט גיקענט איין נעמען קיין שום פעסטונג אונ זייא זענען אוועק פון דארט מיט גרוים שאנד אונ זייא האבין זיך נישט גיוואלט פאר גלייכין מיט דיא שונאים זייא זאלין געבין זייא אפילו א קליינקייט אבער א הינגער איז גיוועזען אונ דיא אלע ערטער, עס איז אויך גיקומען

פוהל

פוהל טויזענטער יודען אין דער צייט, דיא שטאט פרעמיסלא איז איין גרויסע שטאט מיט תלמידי חכמים האבין דיא שונאים אויך באלעגערט דיא שטאט, השי"ת האט אבער אויף זייא רחמנות גיהאט, אונ עס איז צוא זייא געקומען איין עלצטער פון פוילין מיט דעם נאמען קראנקי ער האט מיט זיך גיהאט זעכס הונדערט מאן אונ מיט זיין פארשטאנד האט ער מציל גיוועזען דיא גאנצע שטאט:

# דיא גזירה פון דער שטאט נאראל.

פון דארט זענען דיא קאזאקין גיגאנגין קיין נאראל אונ זייא האבין דיא שטאט באלעגערט, דארט האבין זיך צוא נאמען גענומען טויזענטער יודען אויך קריסטען צווישען זייא איז נישט גיוועזין איין יון, דארט איז גיוועזין דרייא ערטער איינס לעבין דעם אנדערין, דיא יודען פון דארט האבין גיוואלט אנטלויפין האט זייא דער עלצטער פון שטאט נישט גילאזט ער האט גיזאגט מיר וועלין זיך א קעגין שטעלין, נאכדעם וויא זייא האבין באלעגערט דיא שטאט האבין זיך דיא שונאים גיוואלט פאר גלייכין האט דער עלצטער נישט גילאזט נאר זייא האבין מלחמה גיהאלטין דרייא טאג, אונ זייא האבין פוהל אויסגיהארגיט פון דיא קאזאקין, נאכדעם האט חמיל צוא גישיקט פוהל מענטשין אזויא וויא זאמד אונ זייא האבין איין גענומען דיא שטאט צום ערשטען האבין זייא גיהארגיט דעם עלצטען פון שטאט זייא האבין איהם לעבעדיגערהייט אב גיצויגין אונ זייא האבין איהם אהן גיטאהן מערדערליכע פיין, נאכדעם האבין זייא אומגיברענגט פון דיא יודען מעהר וויא צוועלף טויזנט מאן, פוהל זענען ערטרינקען געווארען אין וואסער, עטליכע הונדערט מאן זענען אריין אין שוהל אונ האבין זיך דארט פארשלאסין, זענין גיקומין דיא קאזאקין אונ האבין אויף גיבראכין דיא טירען, אונ האבין אלע אויס גיהארגיט נאכדעם האבין זייא פארברענט דיא שוהל אזוי א שרעקליכע הריגה וויא עס איז גיוועזין אין נאראל איז נישט גיוועזין אין גאנץ פוילין פוהל יודען האבין זייא גענומען אונ גיפענגעניש, עס האט ערציילט איין אשה וואס זיא איז געבליבען לעבען אז עס האט זיך גיפינען פוהל וואס זענען געבליבען לעבען צווישען דיא הרוגים נאר פינף טאג האבין זייא גילעבט אהן עסין זייא האבין גיגעסין מענשין פלייש זייא האבין אב געשניטען שטיקער פון דיא הרוגים אונ זייא האבין גיגעסין, פוהל טויזענטער הרוגים האבין דיא הינד אויף גיגעסען דיא וואס זענען איבער געבליבען האבין דיא שטאט לייט פון פרעמיסלא גישיקט מענטשין מיט לייווינט אויף הבריכין אונ זייא האבין גיברענגט דיא הרוגים צוא קבורה השי"ת זאל זייא בעצאהלין זייער לוין:

דיא

# די גזרה פון דער שטאט זאמאשטש.

פון דארט איז חמיל מיט זיין גאנצער מחנה די קאזאקין מיט די פאמערין גיגאנגען קיין זאמאשטש אונ זיי האבין באלעגערט, דאס איז גיוועזין איין שטארקע שטאט מיט איין פעסטונג וואס זיין גלייכין איז נישט גיוועזען אין גאנץ פוילין, אזויא וויא דער פיינד איז געקומען נאהנט פון שטאט האבין די שטאט לייט פאר ברענט אלע הייזער וואס זיא זענען גיוועזין ארום דעם פעסטונג כדי דער פיינד זאל נישט האבין וויא זיך צוא בעהאלטין זיא האבין נישט גילאזט דעם פיינד צוא קומען צוא דער שטאט איין לאנגע צייט, איבער דער צייט האבין זיא זיך צושפרייט ארום דעם גאנצען געגענט אזויא האט גידויערט א לאנגע צייט וואס זיא האבין נישט גיקענט ביי קומען די שטאט וויל אין דער שטאט איז גיוועזין זעכס טויזינט מאן שטארקע העלדין מיט פוהל גיוועהר וואס זיא האבין אראפ גישאסען צוא די קאזאקין עס איז גיפאלין פוהל פון די קאזאקין, אבער אין שטאט איז גיוועזין א גרוים הינגער עס איז דורך דעם אומגעקומען פוהל טויזינטער מענטשין, וויא דאס האט גידויערט איין לאנגע צייט אונ די שונאים האבין נישט האבין גענומין די שטאט האבין זיא זיך גיגעבען אזוי איין עצה זייא האבין גימאכט דורך כישוף איין ברענידיגען שלאנג אונ זייא האבין איהם גילאזט פליהען אין די ליפטען זייא האבין זיך גימאכט א סימן אויב די שלאנג וועט פליהען צוא דער שטאט וועלין זייא איינעמען די שטאט, אונ אויב די שלאנג וועט פליהען נאהנט פון זייא זאלין זייא וויסען אז זייא זאלין אנטלויפין, וויא עס איז געקומען הא לבע נאכט האבין זייא גיזעהן וויא די שלאנג לאזט זיך אונטער דעם הימעל אין דער זייט צוא דער שטאט נאכדעם לאזט זיך די שלאנג א קיינין איבער זייא, האבין זייא געוויסט אז דאס בעטייט אויף שלעכטס פיר זייא, האבין זייא באלד גישיקט אונ שטאט אריין צוא די שטאט לייט אז זייא ווילען שלום שליסען, די שטאט לייט האבין זיך איבער לייגט אז עס איז פאר די גלייבער זייא זאלין זיך מיט זייא פאר גלייכין איידער זייא זאלין אומקומען פאר הינגער :

דער פארגלייך איז גיוועזין אז די שטאט זאל זייא געבין 20000 רענדליך, נאכדעם האבין די קאזאקין גיברענגט אין שטאט אריין פוהל עפאנגענע, אונ די שטאט לייט האבין אלע אויס גילייזט :

נאכדעם איז ער גיגאנגין מיט זיינע מענטשין קיין לובלין, זיא איז איינע פון די גרעסטע שטעט אין פוילין זיא איז גיוועזין פוהל מיט תורה, מיט יראת שמים, גמילת חסדים, וואס איהר גלייכין איז נישט גיוועזין אין גאנץ פוילין, די שטאט לייט זענען אנטלאפען פון דארט ביז אונטער דער ווייכסיל, אין שטאט איז איבער געבליבען עטליכע הונדערט ארימע לייט דערווייל זענען אלע גרויסע לייט אריבער גיפארין קיין קראקא זיא

איז

איז גיוועזן די רעזידענס שטאט פון פוילן זייא זאלין זיך קריגין א קייסר זייא זאלין שוין נישט מעהר אויס זעהן וויא בלענדענע שאף, וויא זייא האבין זיך דארט אלע צוזאמען גענומען האבין זייא זיך נישט גיקענט אויס גלייכען וועמען מען זאל מאכען פאר א קייסר מענכע האבין פערלאנגט אז דער קארדינאל פון גניזין קאזימיר זאל זיין קייסר, מענכע האבין גיוואלט אז זיין ברודער קארל זאל ווערין קייסר, מענכע האבין גיוואלט אז דער דוכוס פון זיבן בערגין אונ אונגארין זאל ווערען קייסר:

וויא דער מערדער חמיל האט דאס גיהערט האט ער גישיקט דורך זיינע מענטשין צוא זייא דוכסים אויך די גרויסע לייט פון קראקע, אויב זייא וועלין קריגין קאזימיר'ן פאר א קייסר וועט ער אב ניצען פון זייא אונ ער וועט שוין נישט מעהר מלחמה האלטען, וויא די דוכסים האבין דאס גיהערט איז זייא די זאך זייער גיפעלין, אונ זייא האבין גיקריינט דעם קייסר קאזימיר, דער צווייטער זוהן פון דעם קייסר זיגמונד:

וויא דער קייסר איז גיזעסין אויף זיין שטוהל האט ער געשריבען בריף צוא דעם מערדער חמיל ער זאל צוריק אהיים מיט אלע זיינע מענטשין, אונ וואס זייא האבין טענות צוא פוילן וועט ער אויס גלייכין עס זאל גוט זיין פיר ביידע:

וויא חמיל איז גיגאנגען איין נעמען די שטאט לובלין זייא זענען גיוועזן ווייט פון דער שטאט נישט מעהר וויא פיהר מייל, איז איהם אהן געקומען דער בריף פון קייסר אז ער זאל אהיים צוהען, האט ער גלייך אהן גענומען דעם קייסר'ס רייד מיט פערגעניגען, אונ ער איז באלד צוריק אהיים, דען גאנצען ווינטער איז געוועזען שטיל אין רוהיג אונ לאנד:

וויא די יודען האבין גיהערט אז די פיינד זענען צוריק אונ זייער ארט זענען די יודען אויך צוריק אהיים אויף די ערטער וואס די עלצטע פון פוילן זענען גיוועזין זייא זענען צוריק ביז זאסלאוו, אונ ווייטער וויא די שטאט זאסלאוו האבען זייא מורא געהאט צוריק ווייל אין די ערטער זענען געוועזען פוהל מיט די רויבערם:

## די גזירה פון דער שטאט אוסטרא.

די שטאט לייט פון אוסטרא האבין גימאכט איין אהנשטעל, אונ זייא האבען גוט בעהאנדעלט די יודען פון דער שטאט, אונ זייא האבען געשריבען בריף אויף אלע ערטער וויא די יודען האבין זיך געפונען אז זייא מעגין צוריק אהיים קמען, זייא האבין נישט מורא צוא האבען פאר די קאזאקין ווייל דער קייסר האט גישלאסען שלום מיט זייא, די ארימע יודען האבען זיך זייער גיפרייד זייא האבין גימיינט אז דאס איז אמת, זענען זייא צוריק אונ דער שטאט אוסטרא, אזויא וויא זייא זענען

געוועזען דארט דרייא וואכען האבין דיא מערדערס געשיקט צוא דיא קאזאקין וואס זענען געוועזין ארום דיא ערטער אז זייא זאלין קומען צוא זייא ווייל עס איז דא צווישען זייא פוהל יודען אויך פוילין, אונ זייא וועלין זיין בייהילפיג מיט אלע מעגליכקייט, י״ט אדר ארום האלבע נאכט זענען געקומין פוהל טויזענטער קאזאקין קיין אוסטרא, אונ זייא האבען אויס געהארגעט אלע גרעסטע לייט פון פוילין אויך דיא יודען, בשעת זייא זענין געלעגין אין זייערע בעטין עס איז נישט איבער געבליבען נאר דרייא יודען אונ איין עלצטער פון פוילין מיט אכציג מאן מיליטער, זייא זענין אנטלאפין, אונ דיא קאזאקין האבין זייא נאך געיאגט, דער נאך האבין זיך דאס מיליטער פון פוילין אקיגין געשטעלט צוא דיא קאזאקין, אונ זייא האבין פון זייא פוהל אום-געברענגט:

וויא דיא יודען פון זאסלאב האבין געהערט אויך פון אנדערע שטעט ארום אוסטרא וואס דיא קאזאקין האבען געטאהן זענין זייא אלע אנטלאפין קיין דובנא מענכע זענין אנטלאפען קיין קרעמניץ:

וויא דער קיסר קאזימיר האט דאס געהערט אז דיא קאזאקין טוהן ווייטער זייערע שלעכטע מעשים, האט ער געמאכט פאר איין פעלדמארשאל דעם דוכוס פורלי, ער האט געשיקט מיט איהם דרייסיג טויזענט מאן זייא זאלען גיין מלחמה האלטען מיט דיא קאזאקין, דער פעלדמארשאל פורלי איז געגאנגען ביז דער שטאט אוסטרא ער האט זיך נוקם געווען אין דיא שטאט לייט פיר זיינע ברודער, נאכדעם איז ער געגאנגין קיין זאסלאב ער האט זיך דארט אויך גערעכינט מיט דיא קאזאקין, עס איז יוא איהם צוא געשטאנין פוהל הונדערטער יודען שטארקע לייט, אונ זייא האבען געהאלפען מלחמה האלטען מיט דיא קאזאקין:

וויא דער פעלדמארשאל פורלי האט געהערט אז דיא קאזאקין מיט דיא טאטערין זאמלען זיך איין דאס דריטע מאהל, האט ער געשיקט בריף צום קיסר קאזימיר מיט דעם נאכריכט, אונ ער האט איהם געשריבען אז דער קייסר זאל געבין איין בעפעל אויף דער גאנצער מדינה פון פוילין אז אלע זאלין זיך צוזאמען נעמען אונ זייא זאלין גיין העלפין זייערע ברודער אין דער מלחמה, דער קייסר האט אזויא געטאהן ער האט געלאזט אויס רופען אין דער גאנצער מדינה ווער עס איז נאר גירעכינט צווישען דיא אונטער טעהנער פון פוילין זאל ער גיין אין דער מלחמה אריין אדער ער זאל שיקען א צווייטען אויף זיין שטעל, דיא אלע פוילישע הערען האבען זיך ניט געאיילט, זייא זענען געגאנגין לאנגזאם אזוי וויא זייער געוואנהייט איז געוועזען, אבער דיא קאזאקין אונ דיא טאטערין זייא האבען זיך צוא זאמען געקליבען אזוי וויא זאמד, אונ זענין שנעל געקומען, וויא דיא קאזאקין זענין געקומען נעהנטער צוא דיא פוילין איז דאס מיליטער פון פוילין אוועק פון זייא זעקס מייל ביז דער שטאט זבאראש דארט איז צו זייא געקומין פון דער שטאט לבוב דער דוכוס ווישנעוועצקי מיט פוהל טויזענטער שטארקע העלדין דיא פוילין האבען

זייער

זייער מיליטער אוים גישטעלט ארום דער שטאט זבאראש זייא האבען פאר פעסטיגט דיא שטאט:

וויא עס איז גיקומען דאס יאהר (ת"ט) אין ר"ח אב איז געקומען דער פיינד האן דער קיסר פון דיא טאטערין עס איז מיט איהם מיט גיקומען זייער פוהל פאלק פון דיא טאטערין, אויך דער מערדער חמיל מיט דיא קאזאקין, זייא האבען באלעגערט אויף דער מחנה פון פוילין פון דער ווייטינס, נאהענט האבען זייא נישט גיקענט צוא קומען ווייל דיא פוילין האבין אראפ גישאסען אויף זייא מיט הארמאטען עס איז זייער פוהל גיפאלין פון דיא קאזאקין אויך פון דיא טאטערין, אזוי האט עס גידויערט זיבען וואכען ביז עס איז אום-געקומען פוהל פון דיא פוילין פאר הונגער, אויך דער פעלדמארשאל פורלי איז אויך אום-גיקומען אין דער צייט, דער דוכוס ווישנעוועצקי האט גישטארקט דאס פאלק ער האט נאך גימאכט בריף גלייך וויא דער קיסר וואלט איהם גישריבען אז ער שיקט צוא זייא פוהל מענטשין צוא הילף דיא גאנצע זאך איז נישט גיוועזין וואהר, ער האט דאס גיטאהן צוא שטארקין זיינע מענטשין, ווען נישט דאס וואלטען זייא געוועזען זיך אונטער גינעבין דעם שונא איבער דעם גרויסין הונגער וואס זייא האבען גליטען, זייא האבען גיגעסין זייערע פערד אויך הינד איבער דעם הונגער! מענכעם מאהל האט דער דוכוס ווישנעוועצקי אונטער גיגראבין דיא ערד אונ ער איז גיגאנגין מיט זיינע מענטשין, אונ זייא זענין בעפאלין אויף דיא קאזאקין אונ זייא האבין פוהל אום-גיברענגט פון זייא, דער דוכוס איז גיגאנגין פאהר אוים כדי צוא שטארקין דיא מענטשין זייא זאלין נישט אפ פאלין בייא זיך:

וויא דער קיסר קאזימיר האט דאס גיהערט אז דיא קאזאקין האבין ארום גירונגילט זיינע מענטשין איז ער אליין אויך גיגאנגין אין מלחמה אריין ער האט מיט זיך גינומין צוואנציג טויזינט מאן מיליטער ער זאל העלפין זיינע מענטשין, נאך איהם האבין זיך אויך צוא זאמין גינומין אלע גרויסע לייט פון פוילין, ער האט אויף זייא נישט גיווארט נאר ער איז גיגאנגין מיט זיינע מענטשין גלייך צוא דיא קאזאקין, אזוי וויא ער איז גיקומין נישט וויט פון דיא קאזאקין האבין איהם ארום גירונגילט פון דוא קאזאקין אויך דיא טאטערין, וויא זייא האבין דאס גיזעהן איז זייער הארץ אוים גיגאנגין פאר שרעק, עס האט קיינער פון קייסר'ס מיליטער נישט ארויס גיצויגין קיין גיוועהר א קייגין דעם פיינד, וויא דער קייסר האט זיך ארום גיזעהן אז ער האט נישט קיין שום מענטש איז ער גיווארין שטארק אונ כעס, עס האט נישט פוהל גיפעלט וואלטען זייא גיוועזין גיפאנגען דער קייסר אליין, איז דער קייסר מיט זיינע מענטשין אנטלאפין אונ דער שטאט זבאראוו דיא שטאט איז גיוועזין נישט וויט פון דארט, דער קייסר האט מלחמה גיהאלטען מיט דיא קאזאקין פון דער שטאט ארויס צווייא טעג, דער וויל האט דער קייסר געשיקט

זיין

זיין עלצטען צוא דעם קייסר פון דיא טאטערין אז זייא זאלין זיך פאר גלייכין אונ דער מערדער חמיל וועט מוזען בעשטיין אויף, דעם באלד האבין זייא אויף גיהערט מלחמה צוא האלטען מיט דעם קייסר, דער קייסר פון דיא טאטערין האט מיט זיך גענומען עטליכע הונדערט מאן אונ ער איז גיפארין אונ שטאט אריין וויא דער קייסר קאזימיר איז ער זאל מיט איהם שלום שליסען, זייא האבין זיך פאר גלייכט אז דער קייסר זאל איהם געבין 200000 רענדליך וואס ער איז שילדיג פון לאנג אויך מיט דעם תנאי אז דער קייסר זאל איהם געבין א משכון פוהל פון דיא גרעסטע שררים ביז ער וועט בעצאהלין דאס געלד :

וויא דער רויבער חמיל האט דאס גיהערט אז דיא טאטערין האבין זיך אוים גיגלייכט מיט דעם קייסר, האט ער מורא גיקריגען, אונ ער איז אויך געקומען צום קייסר, אונ ער איז איהם גיפאלין צוא דיא פיס, ער האט גיווייניט פאר דעם קייסר ער האט גיזאגט אז דאס אלעס וואס ער האט גיטאהן זענען זיך דיא שרים אליין שילדיג, ער האט גישמועסט מיט דעם קייסר פוהל זאכען וואס קיינער ווייסט נישט, אבער דער קייסר האט זיך גרוים גיהאלטין, אונ דער קייסר האט מיט איהם גירעד דורך איין מליץ אונ ער האט זיך מיט איהם פאר גלייכט אז ער זאל אהיים מיט זיין גאנץ פאלק, אונ דער קייסר וועט צוא איהם שיקען פינף גרויסע קאמיסארין אונ זייא וועלין אוים גלייכין צווישען דיא קאזאקין מיט פוילין, חמיל האט פרלאנגט אז דרייסיג טויזינט מאן פון דיא קאזאקין זאלין נישט צאהלין קיין צינזען דעם קייסר אזוי וויא עס איז גיוועזין פריר, אונ דיא דרייסיג טויזינט מאן וועלכע וועלין נישט צאהלין קיין צינזען זאל זיין אנבעלאנגין אונ איהם, ער האט דאס רעכט אוים קלייבין זיך פון וועלכע ערטער ער וויל, אונ דיא שטאט טשאהרין מיט דעם גאנצען געגענט זאל גיהערין צוא איהם אין צוא זיינע קינדער אויף אייביג, אויך ער אוידער איין אנדערער פון דיא קאזאקין זאלין זיין איינער פון דיא זיבען ערוועהלטע וואס זייא זיצען שטענדיג ביא דעם קייסר אויך דער קייסר זאל בעפעלין אויף דיא יודען אז זייא איז נישט ערלויבט צוא וואנען אין דיא ערטער וויא דיא קאזאקין וואנען אויך אנדערע פינקטען וואס עס איז נישט מיגליך גיוועזין נאך צוא געבין, האט איהם דער קייסר גיהייסין אהיים פארין, דיא פינף שרים וועלין שוין פאר גלייכין :

נאכדעם זענין דיא טאטערין מיט דיא קאזאקין אהיים, אויף דעם וועג האבין זיך דיא טאטערין גירעכינט מיט דיא קאזאקין וואס זענען אין דיא שטעט וואס זייא האבין מורד גיוועזין אין דעם קייסר אונ זייא האבין פאר ברענט דיא שטאט אוסטרא מיט דעם גאנצען געגענט אויך דיא שטאט זאסלאוו, אונ דיא שטאט קרעמעניץ, אונ דיא יונגים וואס זענען גיוועזין אין דיא ערטער מענכע האבין זייא אוים גיהארגיט אין פוהל האבין זייא גענומען גיפאנגין עס איז נישט איבער געבליבען נאר דיא וואס

וואס האבען זיך בעהאלטען אין די וועלדער דאס יאהר איז שוין געוועזען שטיל איין גאנץ יאהר:

ווי עס איז געווארען נאך כוכות (שנת ת"י לפ"ק) זענען אלע שרים פון פוילין צוריק אויף זייערע ערטער אויך די יודען זענען צוריק, זיי האבען אבער דארט אויך נישט געפונען קיין רוה ווייל עס איז געוועזען איין גרויס יקרות מען האט ניט בעקומען קיין שום עסענווארג, ווייל די בעלקער פון די יונים זענען אויס געגאנגען פאר הינגער האט נישט געהאט ווער עס זאל ארבייטען אונ די פעלדער, אויך האט זיך נישט געפונען קיין פרוטה ביי קיינעם די וואס האבען נאך געהאט עטוואס געלד האבען זיי עס בעהאלטען זיי האבען מורא געהאט ארויס צו ווייזען מען זאל נישט אוועק נעמען פון זיי, אבער די ארימע יודען אויבערהאלב זיי זענען געוועזען ארום אין לעהר דורך האבען זיי אויס געזעהן ביי דעם המון עס ווי זיי וואלטען געוועזען רייך אונ יעדער איינציגער האט געזאגט גיב גיב? פון דערשטוועגען האבען זיי אפ געגעבען א שבח צו השי"ת אז עס איז געוועזען שלום, אויף די ערטער ווי דוא קאזאקין האבען געוואנט דארט איז געוועזען איין גרויסער האנדיל ווייל זיי זענען געוועזען אלע רייך פון דעם וואס זיי האבען בערויבט די יודען, נאר קיין שום יוד האט נישט געקענט אהין קומען ביז מען האט זיך מיט זיי פערגלייכט, עס האט דארט נישט געוואנט קיין יודען נאר ביז דער שטאט פאלוויטש, די קאזאקין האבען פאר נומען א שטיק מדינה פון רוסלאנד אונ זיי האבען עס געהאלטען פאר איין משכון ביז די שרים האבען זיך מיט זיי פערגלייכט!

אונ דיזע צייטען האט דער קייסר פון פוילין געמאכט איין פסק אין גאנצען קעניגרייך ווער עס האט פערלאזט זיין גלויבען ווייל ער איז געוועזען געצוואונגען, מעג ער צוריק אומקערין צו זיין גלויבען, דעמאלס זענען אלע אנוסים צוריק צו זייער אמונה, אונ זיי זענען ווייטער געבליבען וואנען אויף זייערע ערטער ווי זיי האבען פריער געוואוינט, אונ די ערטער ווי די קאזאקין האבען געוואוינט דארט האט קיין יוד נישט געטאהרט וואנען, לויט דעם בעפעל פון קיסר זענען אלע אנוסים ארויס פון דארט, אויך די פרויען וואס די קאזאקין האבען גינומען פאר ווייבער פון די יודען זענען אויך אנטלאפין פון זיי אין די יודישע ערטער אונ זיי זענען געווארען צוריק יודישע קינדער, אויך אין די אלע ערטער ווי עס איז געשעהן הריגות פון יודען איז איבער געבליבען קליינע קינדער וואס מען האט זיי געטאפט, האבען זיי אצונד די יודען צוריק גענומען, אונ מען האט יעדען אויף געשריבען איין קמיע, אונ מען האט אהין געהאנגען אויף זייער האלדז פון וואס פאר א משפחה ער קומט ארויס, פונדעסט פרויען זענען געבליבען עגונות, אויך האט מען מתקן געוועזען איין תענית ציבור כ' סיון אין גאנץ מדינות פוילין אונ דעם זעלבען טאג וואס עס איז געשעהן די הרוגה אין נעמערוב:

נאכדעם

וואדעם האט דער קיסר גרויס גימאכט דעם דוכוס ווישנעוועצקי • ער האט איהם גימאכט פאר א פעלדמארשאל איבער דער גאנצער מדינה ער האט נישט גיוואלט אויף זיך נעמין דעם אמט סיידין אז דער קיסר זאל איהם צוא זאגין אז ער וועט בלייבין פעלדמארשאל וויא לאנג ער וועט לעבין אפילו ווען דיא צוויא געגערעלער וואס זענין גיפאנגין בייא דיא טאטערין וועלין צוריק קומען וועט ער ווייטער בלייבין אויף זיין שטעל, אונ ער וועט גיין מיט דעם גאנצין מיליטער אויף דער צווייטער זייט טייך אונ ער וועט אונטערטעניג מאכען דיא קאזאקין :

וויא דער מערדער חמיל האט דאס גיהערט האט ער מורא גיהאט אפשר וועט דער קיסר בעשטיין אויף דעם ווייל דאס גאנצע פאלק האט גיהאלטין מיט דעם דוכוס, האט ער אריבער גישיקט צוא דעם קיסר פון דיא טאטערין אז ער זאל ארויס לאזין דיא צוויא גענערעלער פון פוילין אוים דעם גיפענגניש , אונ ער וועט בעצאהלין דאס רעשט וואס עס קומט איהם צוא פון דעם קיסר, נישט ווייל ער האט דאס צוא ליב גיטאהן דיא שרים נאר איבער דעם פיינדשאפט וואס ער האט גיטראגין צוא דעם דוכוס ווישנעוועצקי כדי ער זאל נישט ווערין פעלדמארשאל , דער קיסר פון דיא טאטערין האט אזוי גיטאהן ער האט בעפרייעט דיא צווייא שרים, דעם קיסר קאזימיר איז דיא זאך גיוועזין איין וואונדער פאר וואס דיא צווייא שרים זענין בעפרייעט גיווארין ער האט נישט גיוויסט איבער וואס דאס איז גישעהן, אונ דער קיסר האט זייא צוריק איבער גיגעבין זייער ערשטין אמט :

אין דער זעלבער צייט איז חמיל מיט זיינע אלע מענטשין גיגאנגין קיין וואליחיי אונ ער האט זיא פאר וואוסט, פאר דעם ווייל זייא האבין בעהאלטין פאר זייא עטליכע יודען אויך פוילין, אויך דערפאר וואס דיא וואלעחין האבין צוא גינומען פון דיא טאטערין עטליכע הונדערט מענטשין גיפאנגינע אונ זייא האבין זייא בעפרייעט, בשעת זייא זענין צוריק גיקומען פון וואליחיי האבין זייא גיהאט מיט זיך פוהל רויב אונ זייא האבין עס פאר קויפט דיא יודען אבער עס האט נישט גישאט קיין שום יוד ווייל זייא האבין דעמאלם גילעבט בשלום מיט דיא יודען :

אין דיא צייטין האבין דיא יונים וואס זענין גיוועזין אין מאסקווע אויך מורד גיוועזין אין קיסר פון פוילין עס האט זיך צוא זייא צוא זאמען גיקליבין א געמיין פאלק פון דיא קאזאקין, חמיל האט גישריבען בריף צום קיסר אז ער זאל גאהר נישט זארגין פאר דעם וואס דיא מאסקיווויטער האבין מורד גיוועזין ער וועט גיין מיט זיינע קאזאקין אונ ער וועט מלחמה האלטין מיט זייא אונ ער וועט זייא אונטערטעניגען אונטער דעם קיסר, אבער דער קיסר האט פארשטאנין מיט זיין חכמה אז חמיל מיינט נישט דעם קיסר'ס טובה נאר ער זוכט זיך איין גילעגינהייט צוא

צוא מאכען איינם אקעגין דעם קיסר האט דער קיסר שלום געשלאסין מיט דיא מאסקוויטער אקעגין זיין ווילען:

אין דיא צייטין האט דער קיסר געשיקט זיינע גרויסע לייט צוא דיא קאזאקין זייא זאלין זיך פאר גלייכין, אבער עס איז נישט מיגליך געוועזין צוא פאר גלייכין זיך ווייל דיא קאזאקין האבין פארלאנגט פוהל זאכין וועלכעס איז געוועזין אונמיגליך נאך צוא געבין דאס האט געדויערט ביז פסח אין יאהר (ת״יא):

וויא עס איז געקומען פאר פסח האבין זיך דיא טאטערין מיט דיא קאזאקין ווייטער צוא זאמען גיקליבין דאס פערטע מאהל אונ זייא האבין ווייטער אוים גיהארגיט, עטליכע הונדערט האבין זייא געפאנגען דיא רעשט יודען זענין אלע אנטלאפין קיין לבוב, דער קיסר פון פוילין איז אליין גיגאנגין מלחמה האלטין ער האט גיהאט מיט זיך דרייא מאהל הונדערט טויזינט מאן מיליטער פון דיא פוילין, זייא זענין געוועזין שטארקע העלדין, אויך אכציג טויזינט מאן האט ער גיהאט פון פראנקרייך שפאניא, אויך טויזינט מאן פון יודען, אויך דרייא מאהל הונדערט טויזינט מאן איז גיבליבין שטיין ארום לובלין כדי דאס גאנצע פאלק פון פוילין זאלין נישט זיין אלע בעזאמין אויף איין ארט כדי עס זאל נישט ווערין קיין הונגער, ציים דאס קעניגרייך פון פוילין איז געוועזין איין פאלק ביז דעם טאג איז נאך נישט געוועזין אזוי פוהל מענטשין צוא זאמען אזוי וויא אין דיא צייטין. אונ דיא טאטערין מיט דיא קאזאקין זענין געוועזין אזוי פוהל מענטשין אז זייא האבין גאהר קיין צאהל נישט גיהאט:

דער קיסר האט אוים גישטעלט איין גרויסע מחנה מיט מיליטער דעם לאגער זיינעם האט ער פאר־שפרייט אין דיא הייזער פון דיא גייסטליכע ביא דער שטאט סקאל, דיא רעשט מיליטער האבין פאר־שפרייט זייער לאגער צווישין סקאל אונ בערעסטעטשיקע מיט זייא איז געוועזין צוייא פעלד מארשאלין אויף דער דוכוס וויש־עוועצקי, דיא טאטערין מיט דיא קאזאקין זענין געקומען פלוצלונג מיט פערשידינע געשרייען אזוי וויא זייער געוואנהייט איז, זייא האבין גיזאגט מיר וועלין בעפאלין דיא פוילין אונ מיר וועלין זייא אוים הארגינען אזוי וויא שטענדיג, זייא האבען אבער נישט געוויסט אז השי״ת שיצט דאס מאהל איבער דיא פוילין, פריר האבין זייא אום־גיברענגט אביסיל פאלק פון פוילין, נאכדעם האבין זיך גישטארקט דיא פוילין, אונ זייא האבין אוים גיהארגיט פון דיא קאזאקין אויך פון דיא טאטערין זייער פוהל, דער קיסר פון דיא טאטערין איז אנטלאפין מיט גרוים שאנד, אויך מיט ווייניג מענטשין, ער האט אויך גיפאנגין דעם מערדער חמיל ווייל ער האט איהם נישט מודיע געוועזין אז דער קיסר פון פוילין האט אזוי פוהל מענטשין עס איז איהם געוועזין איין גרויסער שאנד, וואס ער האט גימוזט אנטלויפען ביא נאכט אוים דער מלחמה אויך מיט ווייניג מענטשין, אונ אלע זיינע גרעסטע לייט האט מען גיפאנגין, צווישען זייא איז אויך גיפאנגין געווארין ביא דיא פוילין דעם קיסר׳ם איין ברודערין זוהן דיא רעשט פאלק פון דיא קאזאקין

האבין

האָבין געליטען הונגער אונ נויט אַ לאַנגע צייט, זייא האָבין זיך אויף געהויבין בייא נאַכט אַז זייא זענין אַנטלאָפין אונ זייא האָבין געלאָזט שטיין אַלעס וואָס זייא האָבין געהאַט, פון עסנוואַרג פון גאָלד אונ זילבער אונ בהמות זייא זענין נאָר אַנטלאָפען מיט דעם לעבין, דער קיסר פון פוילין איז אַהיים מיט גרויס פרייד, דער קיסר פון דיא טאַטערין האָט געשיקט איין בריף צוא דעם קיסר פון פוילין אַז ער זאָל בעפרייען זיין ברודער'ן זוהן וועט ער איהם געבין אין דער האַנד אַריין זיין גרעסטין פיינד חמיל, אויך וועט ער בעפרייען דיא פיהר טויזנט גרעסטע לייט פון פוילין וואָס זייא זענען געפאַנגען בייא דיא טאַטערין נאָר ער זאָל בעפרייען זיין ברודערין זוהן האָט דער קיסר נישט געוואָלט איהם בעפרייען ער האָט געענטפערט מיט שפּאָט אַז ער מעג זיך האַלטין חמיל'ן ער וועט איהם פון זיין הויז אַרויס נעמין דאָס האָט ער זייא געגעבין אָהן צו געהערין אַז ער וועט מיט דיא טאַטערין אויך מלחמה האַלטען:

דער קיסר האָט געשיקט זיינע צווייא גרעסטע דוכסים מיט הונדערט אונ פופציג טויזנט מאַן שטאַרקע לייט זייא זאָלין איין נעמין דיא שטעט פון דיא קאָזאַקין אין רוסלאַנד, נאָכדעם וועלין זייא גיין מלחמה האַלטין מיט דיא טאַטערין, זייא האָבין אַזוי געטאָהן זייא האָבין איין גענומען דיא שטעט פון דיא קאָזאַקין:

נאָכדעם האָבין זיך דיא גרויסע לייט פון פוילין מקנא געוועזען אָהן דעם דוכס ווישנעוועצקי ווייל ער איז אַלע מאָהל געוואָרין גרעסער, האָבין זייא איהם אַריין געטאָהן סם המות או דער דוכס איז געשטאָרבען ער האָט איבער געלאָזט אַ זוהן וואָס ער איז אַלט געוועזען פופצען יאָהר ער איז אויך געוועזען איין שטאַרקער העלד, ער האָט פאַר טרעטין דעם פאָטערס שטעל:

ווייא דער קיסר פון דיא טאַטערין האָט געהערט אַז דער העלד ווישנעוועצקי איז געשטאָרבען אונ דיא צווייא גענערעלער קומען אויף איהם מלחמה האַלטין האָט ער זיך פאַר גלייכט מיט המיל'ן, חמיל האָט איהם געגעבין געלד ער זאָל בעפרייעט ווערין אַכצען מיליאָנען רובל אויך האָט ער געשאַרקט דעם קיסר פון דיא טאַטערין, אונ דיא קאָזאַקין האָבען זיך דאָס פונפצטע מאָהל צוא זאַמען גענומען מלחמה האַלטען מיט פוילין עס איז געוועזען אויף סיניים איין מלחמה אין פוילין, נאָך דיא ימים טובים פון דעם יאָהר (תי"ב) דיא מלחמה האָט זיך געצויגין ביז דעם [illegible] טאָג מעהרעם מאָהל האָט זיך געשטאַרקט דער שונא, אונ מעהרעם מאָהל האָבין זיך דעם קיסרים מיליטער געשטאַרקט, אונ דיא יודען זענען געוואָרען אַלע מאָהל אָרימער, אויסער דעם האָט זיך געמאַכט איין גרויסע מגיפה ר"ל אין פוילין, אין קראָקא מיט דעם גאַנצין געגענט אַרום איז אין דעם יאָהר אום-געקומען מעהר וויא צוואַנציג טויזנט מענטשין:

דאס

# אצונד וועל דא ערציילן דאס פיהרונג פון דיא יודען אין פוילין.

דאס איז בעוויסט יעדען אז עס האט זיך נישט געפונען נאך אזוי א ארט פון תורה וויא אין פוילין, אין יעדער קהלה האט מען אויף גיהאלטין ישיבות מען האט גוט בעצאהלט דעם ראש ישיבה כדי ער זאל קענין פיהרען דיא ישיבה אהן זארג, דער ראש ישיבה איז א גאנץ יאהר נישט ארוים גיגאנגין פון זיין שטוב אויסער פון בהמ״ד אין שוהל אריין, ער איז גיזעסין ביא טאג אונ ביא נאכט אונ ער האט עוסק גיוועזין אין תורה, יעדער קהלה האבין אויף גיהאלטין בחורים מען האט זייא גיגעבין גיהאלט יעדער וואך כדי זייא זאלען קענין לערנין ביא דעם ראש ישיבה, אויך האט מען גיגעבין דיא ברורים עסין פון קהל, אויך דער ר״י האט דאס רעכט שווער צוא בעשטראפען דעם וואס האט געטאהן א עבירה, פון דעסט וועגין האבין זייא ליב גיהאט דעם ראש ישבה, ווער עס האט גיהאט עמוואס איין גוטע זאך האט ער דאס אוועק גיטראגין צום ר״י, עס איז קיין שום מענטש נישט ארוים גענאנגין פון שוהל פאר דעם ר״י, צום ערשטען איז געגאנגען דער ר״י, נאכדעם זענען געגאנגען דיא תלמידים, דער נאך איז הערשט געגאנגען דאס פאלק אונ מען האט איהם בעלייט ביז אהיים, אונ יו״ט איז דאס גאנצע קהל נאך געגאנגען מיט דעם ראש ישיבה ביז אהיים, זייא זאלען מקבל פנים זיין אין יו״ט דורך דעם האבען זיך אלע תלמודי חכמים מקנא געוועזען אהן דעם ראש ישיבה, אונ זייא זענען שטענדיג גיזעסין אונ גילערינט תורה זייא זאלען אויך זיין ראוי צוא ווערען ר״י אין א שטאט דאס האט גורם געוועזען אז מען האט גילערינט פוהל תורה, אזוי זאלען מיר אויך זוכה זיין צוא קענין זיצען אונ לערנין תורה לשבה עד ביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן:

# ענדע